NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03680

TEVYE DER MILKHIKER

Sholem Aleichem

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שאָלעם־אַלייכעם

טעוויע דער מילכיקער

באַאַרבעט פאַר יוגנט

מ. טייבמאַן

פאָרוואָרט פון

ש. מענדעלסאָן

„קינדער־פריינד", ווארשע 1936

Printed in Poland

Tewie Der Milchygier
SZOŁEM AŁEJCHEM
„Kinder-Frajnd“, (wydanie „A“)
Warszawa 1936
Druk. „Renoma„, Warszawa

קינדער, יוגנטלעכע, דערוואַקסענע און אַלטע ייִדן קוויקן זיך מיט שאָלעם-אַלייכעמען. זײַנע העלדן, זײַנע ווערטלעך שאַפן אַלעמען פרייד, שענקען געלעכטער.

בײַם לייענען שאָלעם-אַלייכעמען לײַטערט זיך אויס יעדעס געזיכט — זאָל עס זײַן געל ווי וואַקס, פאַרטריקנט ווי פאַרמעט און צעאַקערט פון זאָרג. ער טראָגט מיט זיך הילכיק, פריידיק געלעכטער.

פאַראַן שאָלעם-אַלייכעם-טיפּן, וועלכע זענען אונדז געוואָרן אַזוי גאָענט און היימיש, אַז זיי האָבן שוין לאַנג אַרויסשפּאַצירט פון בוך און גייען אַרום צווישן אונדז ווי לעבעדיקע, נאָענטע מענטשן, וואָס האָבן בלוט און פלייש, וואָס אָטעמען און באַוועגן זיך.

דאַכט זיך אונדז ניט אָפּט, אַז מיר האָבן אויף דער גאַס געטראָפן אַ פאַרשמײַעטן, אַ פאַרנומענעם, אַ צעטומלטן מעבאַכעם מענדלען? צי שטויסן מיר זיך אַמאָל ניט אָן אויף דעם קוועקזילבערדיקן, קינדערשן מאָטל פייסי דעם כאַזנס ? און די פאַרשיינען פון קאַסרילעווקע — זענען דען שוין פאַרבײַ ?

יעדער פון, אונדז טראָגט אין זיך אַ שטיק פון שאָלעם-אַלייכעמס העלדן, אַ שטיק פון זייערע אייגנשאַפטן.

צווישן אַלע שאָלעם-אַלייכעמס פערסאָנאַזשן, טיילט זיך אויס די וווּנדערלעכע געשטאַלט פון ט ע וו י ע ן. ער איז דעם גרויסן שרײַבשטעלערס ליבלינג. טעוויען האָט דער האַרציקער שאָלעם-אַלייכעם געמאָלן אין פאַרשידענע צײַטן, בײַ פאַרשידענע סיטואַציעס.

און טעוויע איז גויווער אַלע צאָרעס, אַלע לייַד מיט זייַן אינערלעכער שטאַרקייט, מיט זייַן טיפן גלויבן, מיט זייַן אומבאַגרענעצטער האַרציקייט.

צוויי גרונט־געשטאַלטן טרעפן מיר בייַ שאָלעם־אַלייכעמען — טעוועע און מענאַכעם־מענדל. קעגנזעצלעכע טיפּן. צוויי אויפאַנים פון לעבן, צוויי אַרטן באַנעמען די וועלט, צוויי טעמפּעראַמענטן, צוויי שטרעבונגען — גאַנץ באַזונדערע האָפענונגען און גאַנץ קעגנגעזעצטע וועגן פון אויפנעמען און איבערטראָגן צערונענע האָפענונגען („אַ בוידעם”).

מענאַכעם מענדל — פול מיט ברען, פול מיט אימפּעט, די ענערגיע שפּראָצט בייַ אים פון אַלע ווינקעלעך פון זייַן נעשאָמע, ער איז יעדע מינוט גרייט זיך צו וואַרפן אויף דער וועלט און זי אייַננעמען. יעדער טאָג ברענגט מיט זיך אַ נייַעם כאָלעם פון מיליאָנען, געשעפטן, גליקן אא״וו.

צומאָרגנס בלייַבן פון די אילוזיעס שערבעלעך צעבראָכענע. אַלץ איז פאַרשוווּנדן, ס׳בלייַבט — דער דאַלעם פון שיינע שיינדלס שטוב. אָבער — ווייַטער צינדט זיך אָן בייַ מענאַכעם מענדלען דער כאָלעם און טרייַבט אים צו אַ נייַעם פּרווו, צו אַ נייַעם אָנגריף.

מענאַכעם מענדל איז די אייביקע, אומאויפהערלעכע באַוועגונג.

טעוויע — איז דער הייפּעך. זייַן קויעך ליגט אין אינערלעכער קאָנצענטרירטקייַט. ער שוועבט קימאַט קיינמאָל נישט צווישן הימל און ערד. ווען אַפילע ס׳געשעט אים אַ גליק, אַ נעס („דאָס גרויסע געווינס”), הייבט ער באַלד אָן צו זוכן אַ טאַכליס, נישט סטאַם געשעפט, נישט סטאַם שרייַען, לויפן אַרומשוויצן. ניין. טעוויע וויל אַרבעטן, ער האָט ליב די פּראַצע, אָבער ער וויל אויך זען דעם טאַכליס. וואָס וועט דאָס

ברענגען? צי וועט אין שטוב ווערן אַ ביסל לײַכטער, צי וועט ער קענען אַ ביסל פֿרײַער אָפּעטעמען און קענען זיך מיט אַ ביסל ראַכוועס אָפּגעבן די באַטראַכטונגען — איבער וועלט און מענטשן.

טעוויע איז פֿעסט אײַנגעשרויפֿט אין דער ערד, ער איז באַהאַפֿטן מיטן לעבן.

אים איז באַשערט צו טרינקען אַ ביטערן בעכער פֿון לעבן: קימאַט יעדע טאָכטער שטעלט מיט זיך פֿאָר אַן אַנדערע צאָרע, יעדעס קינד ברענגט אים זאָרג. און דער איקער דערפֿאַר, וואָס ער פֿאַרשטייט זיי אָפֿט נישט. ער זעט, אַז אַנדערע וועלטן בויען זיי, אַז זיי איז נישט גענוג דאָס וועלטל, וואָס זיי האָבן אין דער היים. טעוויע ווייל זיי באַגרײַפֿן, ער פּרוּווט אויף זײַן אייגענעם שטייגער אַרײַנצודרינגען אין די טרוימען, טרויער און בענקשאַפֿטן פֿון זײַנע טעכטער, נישט אַלעמאָל געלינגט דאָס אים. טײלמאָל בלײַבט ער שטיין ווי פֿאַר אַ רעטעניש: די האַרציקע שטילע טאָכטער זײַנע — כאַווע — גייט אַוועק מיטן שרײַבער כוועדקע. טעוויע שטייט אַ צעטומלטער פֿאַר דער דראַמע. ער איז נישט אימשטאַנד דאָס צו באַנעמען, ער קען גאָרנישט שאָלעם מאַכן מיטן געדאַנק, אַז דעם גאַלעכס שטוב האָט ביי אים צוגע־רויבט זײַן קינד.

צייטל האָט ליב געקריגן מאָטל קאַמזוילן, האָט טעוויע נישט געקענט מאַסיג זײַן דעם איניען „ליבע“, אָבער זײַן האַרץ האָט געפֿילט, אַז צייטל איז גליקלעך מיט איר מאָטלען. האָדל האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט פּאָליטישע סוידעס—טעוויען איז שווער געווען דאָרט אַרײַנצודרינגען, אָבער ער האָט געהאַט דערעכ־ערעך, ער האָט געזען, אַז דאָ גייט אין גרויסע וועלט־זאַכן. כאַווע— איז אַוועקגעריסן געוואָרן, ווי אַ שטורעמווינט וואָלט זיך אַרײַנ־געגאַנוועט אין זײַן שטוב אַרײַן. און דאָך — וויפֿל האַרציקייט,

וויפל איידלקייט און גלײַכצײַטיק וויפל ווירדע ווײַזט טעוויע אַרויס!

ער וואַקסט אויס בײַם דער באַגעגעניש מיט כאַוועץ אין אַ בראָנזענער פיגור, נישט געקוקט דערויף, וואָס טרערן שטיקן אים.

אין „שפרינצע" גיט אונדז טעוויע זײַן בליק אויף די באַלעבאַטישע יונגעלײַטלעך, וואָס קומען זיך פּאַשען אויף דער דאַטשע און פאַרבלאָנדזשען אין טעוויעס אָרעמער שטוב, קעדיי דאָרט צו צעברעכן דאָס לעבן פון די שפרינצעס.

און טעוויע — טראָגט דאָס אַלץ אַריבער; און טעוויע — ווערט פון אַלע זײַנע צאָרעס אינערלעך געשטאַרקט.

טעוויע איז די פאַרקערפּערונג, פון — לעבנסקראַפט, מוט, אינערלעכן קויעך, פײַנער כאָכמע, מילדן פאַרשטיין דאָס לעבן און גוטסקײַט אָן גרענעצן.

טעוויעס דערהויבענע קלוגשאַפט איז קאָנסערווירט אין די ווערטלעך, אַפאָריזמען, זאָגענישן, וואָס זענען צעשאָטן ווי פּערל איבער שאָלעם-אַלייכעמס פרעכטיקן בוך.

ש. מענדעלסאָן

דערקלערונג פון שווערערע ווערטער

אווידע זאָרע — געצנדינסט
אָוועס אַוויסיינו — אונדזערע עלטערנס עלטערן
אַחת ואחת (אַכאָס וועאַכאָס) — איינס און איינס
אין קמח אין תורה (איין קעמאַך איין טוירע) — נישטאָ קיין מעל, נישטאָ קיין טוירע
אלהינו (עלויהיינו) — אונדזער גאָט
אַל רישן רישן — צוערשט אויפן ערשטן, וועאַל אַכרן אַכרן — דערנאָך אויף דעם לעצטן
אַלייכעם וועאַל בענייכעם — אויף אײַך און אויף אײַערע קינדער
אַסאָרע בּאַטלאָנים — צען בּאַטלאָנים
אָשאָמנו — מיר האָבן געזינדיקט
אשרי יושבי ביתך (אַשריי יוישווי ווייסעכאָ) — ווויל די, וואָס זיצן אין דײַן הויז (פון דאַוועגען)
בּאַר־דאָס — פאַרשטענדיקער מענטש
בגדי מלכות (ביגדיי מאַלכוס) — קיניגלעכע קליידער
בעזע האַלאָשן — מיט די ווערטער
בעקייפל קיפלאַים — טאָפּלט
גובערנסקע פּראַוולעניע (רוסיש) פאַרוואַלטונג פון דער גובערניע
הלך משה מרדכי (האָלאַך מוישע מאָרדכע) — מוישע מאָרדכע איז געגאַנגען
האָריי כוישעך — פינצטערע בערג
ויבא המן (וואַיאָווי האָמאָן) — האָמאָן איז אַרײַנגעקומען
ויהי היום (וואַיעהי האַיאָם) — ס'איז געקומען דער טאָג.
ויסעו ויחנו (וואַיִסו וואַיאַכנו) — זיי זענען געפאָרן און זיי האָבן גערוט.
וישכחהו (וואַישקאָכייהו) — און ער האָט אים פאַרגעסן
זוגאָסי האַיעקאָרע האַצנוע וועהאַכסידע מאָראָס גאָלדע שעטיכיע — מײַן ווײַב די טײַערע, די צנוע און די פרומע, פרוי גאָלדע זאָל לעב

תאַרגום — אַראַמישער טײַטש אויף טאַנאַך

יברכך (יעוואָרעכעכאָ) — ער זאָל דיך בענטשן (פון דאַווענען)

יגיע כפיך (יעגיאַ קאַפּעכאָ) — די אַרבעט פון דײַנע הענט.

יפֿאַס טואַר — אַ שיינהײַט

כיד המלך (קעיאַד האַמעלעך) — ווי אַ קיניג קען

כרחם אב על בנים (קעראַכיים אָוו אַל באָנים) — ווי אַ טאַטע דערבאַרעמט זיך אויף קינדער (פון דאַווענען).

ליטשנע (רוסיש) — פערזענלעך

לסוסתי (לעסוסאָסי) — צו מײַן פערדל

מששת ימי בראשית (מישיישעס יעמיי בערייִשיס) פון זינט דער וועלט־באַשאַפונג

סאַטן מעקאַטרעג — דער סאַטן דער באַשולדיקער

סאָוועסט (רוסיש) — געוויסן

עוד יהללוך סלה (אויד יעהאַלעלוכאָ סעלאָ) — זיי וועלן דיך נאָך אייביק לויבן (פון דאַווענען)

עלעף האַשישי — זעקסטער טויזנט (געמיינט יאָרן)

פּאָדראַד (רוסיש) — אונטערנעמונג

צאַר גידל באָנים — צאַר פון דערציִען קינדער

ציידע לאַדערעך — שפּײַז אויפן וועג

קאַזנאַטשייסטווע (רוסיש) — מעלוכישער פינאַנץ־אַמט

קוימער — גאַלעך

קויעך האַדאַם — קויעך פון בלוט (געמיינט: קויעך האַדימיען — קויעך פון דער פאַנטאַזיע)

שאָר יעראַקעס — אַלערליי גרינסן

שלשה דברים (שלוישאָ דעוואָרים) — דרײַ ווערטער

באַמערקונג: אין העברעיִש זענען אויסגעלייגט אין דעם בוך ווערטער אָדער פסוקים, וואָס ווערן אין דער טעגלעכער ייִדישער שפּראַך נישט גענוצט.

מ. ט

טעוויע דער מילכיקער

האָדל

— איר כידעשט זיך, פּאַניע שאָלעם־אַלייכעם, אויף טעוויען, וואָס מען זעט אים נישט? ער האָט זיך, זאָגט איר, שטאַרק אַ רוק געטון, מיטאַמאָל, זאָגט איר, גרוי געוואָרן? עך־עך־עך! ווען איר זאָלט וויסן מיט וואָס פאַר צאָרעס, מיט וואָס פאַר ווייטיקן אָט דער טעוויע טראָגט זיך אַרום! אַ מענטש איז שוואַכער פון אַ פליג און שטאַרקער פון אײַזן... טאַקע נאָר אַ באַשרײַבונג מיט מיר! ווו ערגעץ אַ שלאַק, אַ צאָרע, אַן אָנשיקעניש — מיך אויסמײַדן טאָר עס נישט. פונוואַנען נעמט זיך עס, ווייסט איר נישט? איך בין, ווי איר ווייסט, אַ גרויסער באַל־ביטאָכן און האָב צו דעם וואָס לעבט אייביק קיינמאָל קיין טײַנעס נישט. שטענדיק טײַנע איך אָבער מיט איר, מיט מײַנער הייסט דאָס: „גאָלדע, זאָג איך, דו זינדיקסט! פאַראַן, זאָג איך, בײַ אונדז אַ מעדרעש...“ „וואָס מיר מעדרעש, זאָגט זי, מיר האָבן, זאָגט זי, אַ טאָכטער אויף כאַסענע צו מאַכן; און נאָך דער טאָכטער, קיין אײנעהאָרע, גייען נאָך צוויי טעכטער; און נאָך די צוויי — נאָך דרײַ, קיין בייז אויג זאָל נישט שאַדן!“... — עט, זאָג איך, ס'איז בלאָטע, גאָלדע! אונדזערע כאַכאָמים, זאָג איך, האָבן דאָס אויך באַוואָרנט: ס'איז פאַראַן, זאָג איך, דערויף אויך אַ מעדרעש...“ לאָזט זי זיך נישט רעדן: „טעכטער, זאָגט זי, דערוואַקסענע זענען אַליין אַ גוטער מעדרעש“... און גייט טײַנעט מיט אַ יידענע!

האַקיצער, פון דעם זעט איר אַרויס, אַז ס'איז פאַראַן, ס'איז דאָ, קיין אײנעהאָרע, בײַ מיר סכוירע אויף אויסצוקלויבן, און דאַפקע פײַנע סכוירע, נישט צו פאַרזינדיקן, איינע שענער פון דער אַנדערער. ס'איז נישט שײַעך, אַז איך אַליין זאָל לויבן מײַנע קינדער, נאָר איך הער וואָס די וועלט זאָגט: „קראַסאַוויצעס!“ און

װעל קולאָם די עלטערע, האָדל רופֿט מען זי. איז זי שיין, זאָג איך אײַך, האָדל, װאָס זאָל איך אײַך זאָגן? שײַנט װי אַ שטיק גאָלד! און צו די צאָרעס באַדאַרף זי נאָך האָבן אַ קאָפּ אויך — שרײַבט און לייענט ייִדיש און רוסיש, און ביכלעך — ביכלעך שלינגט זי, װי האַלעשקעס. װעט איר דאָך פֿרעגן אַ קאַשע: װאָס פֿאַר אַ מעכוטן איז טעװיעס טאָכטער מיט ביכלעך, אַז דער טאַטע אירער האַנדלט גאָר מיט קעז און מיט פּוטער? הערסטו, אָט דאָס פֿרעג איך דאָך בײַ זיי, בײַ די פֿײַנע באָכערים הייסט עס, װאָס קיין הויזן, איך בעט איבער אײַער קאָװעד, איז נישטאָ, און שטודירן גלוסט זיך זיי. פֿרעגט זיי: װאָס שטודירן? װער שטודירן? זאָלן אַזוי ציגן װיסן אין פֿרעמדע גערטנער שפּרינגען! אַז בעסאַכאַקל לאָזט מען זיי דאָך גאָרנישט צו, װי זאָגט ער: אַ קאָטאַ פֿון דער פּוטער!... זאָלט איר זען פֿונדעסטװעגן, װי מען לערנט! און װער? באַלמעלאָכישע קינדער. פֿון שנײַדערס, פֿון שוסטערס, מען לאָזט זיך אַװעק קיין יעהופּעץ אָדער קיין אָדעס, מען װאַלגערט זיך אויס אויף אַלע בוידעמס, עסן עסט מען מאַקעס מיט בכוירעס און פֿאַרבײַסן פֿאַרבײַסט מען מיט קאַדאָכעס, גאַנצע כאַדאָשים דורכאַנאַנד קוקט מען נישט אָן קיין שטיקל פֿלייש אין די אויגן, מען לייגט זיך צונויף זעקס פֿאַרשװינדלעך אויף איין בולקע מיט אַ הערינג און — הוליע קאַבצן!...

ויהי היום, טרעפֿט זיך אַ מײַסע, איך פֿאָר איינמאָל אַהיים פֿון בויבעריק, אָפּגעזעצט דאָס ביסל סכוירע, אַ גאַנצן טראַנספּאָרט קעז און פּוטער און סמעטענע און שאָר יעראָקעס. זיץ איך פֿאַרטראַכט, װי דער שטייגער איז, אין הימל־זאַכן, פֿון דעם, פֿון יענעם, און פֿון די יעהופּעצער נעגידים, װאָס עס גייט זיי, קיין איינעהאָרע, אַזוי גוט, און פֿון טעװיען דעם שלימאַזל מיט זײַן פֿערדל, װאָס װערן קאָל יאָמאָװ פֿאַרשװאַרצט, אוכדוימע נאָך אַזעלכע איניאָנים. זומער, די זון באַקט, די פֿליגן בײַסן, און די װעלט אַרום און אַרום איז מעכאַיע, גרויס, אָפֿן, כאָטש הייב זיך אויף און פֿלי, כאָטש צי זיך אויס און שװים!...

דערװײַל איך טו אַ קוק — אַ באָכערל שפּאַנט זיך מיט די ראַגלאַים איבערן זאַמד, האַלט אַ פּעקל אונטערן אָרעם און שװיצט, פּאַכט מיט דער נעשאָמע. „יאַמויד האַכאָסן רעב יאָקל בען פּלעקל!

— זאָג איך צו אים — זעץ דיך אויף, הער נאָר, וועל איך דיך אַביסל אונטערפירן, איך פאָר בעמײַלע לײַדיק. ווי שטייט דאָרטן, זאָג איך, בײַ אונדז געשריבן: „דײַן כאַווערס אייזל אַז די באַגעגנסט, איז — דאַרפסטו אים נישט פאַרלאָזן, הײַנט לוי קאָל שעקיין אַ מענטש"... לאַכט ער, דער שלימאַזל, און לאָזט זיך דאַפקע לאַנג נישט בעטן און קריכט אין וועגעלע אַרײַן. „פונוואַנען, זאָג איך, שפאַנט דאָס, לעמאָשל, אַ באָכערל?" „פון יעהופעץ". „וואָס האָט, זאָג איך, אַזאַ באָכערל ווי דו צו טון אין יעהופעץ?" „אַזאַ באָכערל ווי איך, זאָגט ער, גיט אָפ אַקזאַמענט." „אויף וואָס, זאָג איך, שטודירט אַזאַ באָכערל ווי דו?" „אַזאַ באָכערל ווי איך, זאָגט ער, ווייסט נאָך אַליין נישט אויף וואָס ער שטודירט". „אים קיין, זאג איך, וואָס-זשע דולט זיך אַזאַ באָכערל, ווי דו, אומזיסט דעם קאָפ?" „זאָרגט זיך נישט, רעב טעוויע, אַזאַ באָכערל ווי איך, זאָגט ער, ווייסט שוין, וואָס ער האָט צו טון". „זאָג מיר נאָר, זאָג איך, ווי באַלד, אַז איך בין דיר שוין יאָ באַקאַנט, טאָ ווער ביסטו, לעמאָשל?" „ווער איך בין? איך בין, זאָגט ער, אַ מענטש" „איך זע, זאָג איך, אַז נישט קיין פערד; איך מיין ו ע מ ע נ ס ביסטו?" „וועמענס, זאָגט ער, זאָל איך זײַן? איך בין גאָטס". „איך ווייס, זאָג איך, אַז גאָטס; איך מיין, זאָג איך, פונוואַנען שטאַמסטו, צי ביסטו אַן אונדזעריקער, צי עפשער פון דער ליטע?" „שטאַמען, זאָגט ער, שטאַם איך פון אָדעם האָרישוינען און אַליין בין איך, זאָגט ער, אַ היגער, איר קענט מיך". „ווער זשע, זאָג איך איז דער טאַטע דײַנער? לאָמיר שוין הערן!" „מײַן טאַטע, זאָגט ער, האָט געהייסן פערטשיק". „טפו זאָלסטו ווערן! האָסטו, זאָג איך, באַדאַרפט אַזוי לאַנג מוטשען? ביסטו, הייסט דאָס, פערטשיק דעם פאַפיראָסניקס אַ זונדל?" „בין איך, זאָגט ער, פערטשיק דעם פאַפיראָסניקס אַ זונדל". „און שטודירסט, זאָג איך, אין די קלאַסן?" „און שטודיר, זאָגט ער, אין די קלאַסן". „נו נו, מײַכעטייסע, זאָג איך, אָדעם אַ מענטש, ציפויר אַ פויגל, קאַטשקע רוק זיך. זאָג זשע מיר ,זאָג איך, טאַכשעט מײַנער, פון וואָס לעמאָשל לעבסטו, אַ שטייגער?" „פון דעם, זאָגט ער, וואָס איך עס". „אַהאַ, זאָג איך, גאַנץ גוט; וואָס-זשע, זאָג איך, עסטו?" „אַלצדינג, זאָגט ער, וואס מע גיט מיר". „איך פאַרשטיי, זאָג

איך, ביסט נישט קיין איבערקלויבער: אַז ס'איז דאָ וואָס צו עסן, עסטו, און אַז ס'איז נישטאָ וואָס צו עסן, פאַרבייסטו מיט אַ ליפּ און לייגסט זיך שלאָפן אַ ניכטערער. נאָר וואָס רעדן, זאָג איך, ס'איז אַלצדינג קעדיי, אַבי שטודירן אין די קלאַסן, זאָג איך; גלייכסט זיך, זאָג איך, צו די יעהופּעצער נעגידים". מיינט איר דאָך, אַז ער שווייגט מיר אָפּ, פּערטשיק הייסט עס? „נישט דערלעבן, זאָגט ער, וועלן די נעגידים, אַז איך זאָל זיך צו זיי גלייכן! איך האָב זיי, זאָגט ער, אין דער ערד!" „ביסט מיר עפּעס שטאַרק, זאָג איך, אויפגעטראָגן, זאָג איך, אויף די נעגידים. כ'האָב מוירע, זאָג איך, אויב זיי האָבן זיך נישט צעטיילט, זאָג איך, מיט דיין טאַטנס יערושע"... „זאָלט איר טאַקע וויסן, זאָגט ער, אַז איך און איר און מיר אַלע, קאָן זיין, האָבן אַ גרויסן כיילעק ביי זיי אין דער יערושע"... „ווייסטו וואָס, זאָג איך, לאָזן שוין דיינע סאָנים רעדן פאַר דיר. איך זע אַרויס, זאָג איך, נאָר איין זאַך אַז דו ביסט אַ ייִנגל נישט קיין פאַרפאַלענער און די צונג באַדאַרף מען דיר נישט פּיקן; אויב דו וועסט, זאָג איך, האָבן צייט קאָנסטו זיך אַריינכאַפּן צו מיר היינט אויף דער נאַכט, וועלן מיר אַביסל שמועסן, און טאַקע כאַפּן מיט אונדז אַ וועטשערע"...

אַוואַדע האָט זיך מיינער נישט געלאָזט איבערבאַזוערן די ווערטער און איז געקומען צוגאַסט, געטראָפן אַקוראַט צום סמיטשיק, בעשאַס דער באָרשט איז געשטאַנען אויפן טיש און די מילכיקע קנישעס אין אויוון האָבן זיך נאָך געפּרעגלט. „דו האָסט, זאָג איך צו אים, אַ לעבעדיקע שוויגער; קאָנסט זיך, זאָג איך, גיין וואַשן, און אַז נישט, קאָנסטו, זאָג איך, עסן אומגעוואַשן. איך בין נישט גאָטס סטראַפּטשע, זאָג איך, מיך וועט מען אויף יענער וועלט פאַר דיר נישט שמייסן". אַזוי שמועס איך מיך אויס מיט אים, און פיל, אַז עס ציט מיך עפּעס צו דעם דאָזיקן מענטשל, וואָס — ווייס איך אַליין נישט, נאָר עס ציט; איך האָב ליב, פאַרשטייט איר, אַ מענטש וואָס מען קען מיט אים רעדן אַ וואָרט; אַמאָל אַ פּאָסעק, אַמאָל אַ מעדרעש, אַמאָל אַ שטיקל כקירע אין הימל־זאַכן, דאָס, יענץ, לאָקש, בוידעם, ציבעלע. אָט אַזאַ מענטש איז טעוויע. פון יענער צייט אָן האָט מיין באָכער אָנגעהויבן אַריינקומען צו מיר קימאַט אַלע טאָג. אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט די

„שטונדן", פלעגט ער קומען צו מיר זיך אָפּרוען און אַביסל פאַרברענגען. מאָלט אײַך, אַז אָך און וויי איז געווען צו אים מיט זײַנע שטונדן אינײינעם. אַ שטיקל גליק כאָטש וואָס געגעסן האָט ער אײגנטלעך בײַ מיר, און דערפאַר האָט ער אונטערגעקנעלט מיט מײַנע טעכטער, ווי זאָגט ער: אַ פּאַטש פאַר אַ פּאַטש; און אָט אַזוי איז ער געוואָרן בײַ אונדז אין שטוב אַ גאַנצער בען-באַיִס. די קינדער האָבן אים אונטערגעטראָגן אַ גלעזל מילך און מײַן אַלטע האָט אַכטונג געגעבן, ער זאָל האָבן אַ העמד אויפן לײַב מיט אַ פּאָר זאָקן גאַנצע — און טאַקע דעמאָלט האָבן מיר דאָס אים געקרוינט מיטן נאָמען „פּעפּערל", איבערגעמאַכט, הייסט דאָס, אויף יידיש פון פּערטשיק, און מען קאָן זאָגן, אַז מיר האָבן אים אַלע ליב געקריגן עפּעס גאָר ווי אַן אײגענעם, מאַכמעס בעטעווע איז ער, דאַרפט איר וויסן, דאַפּקע נישקאָשע פון אַ מענטשל, אַ פּאָשעטער, אַ פּראָסטער כײַ-וועקאַיאָם הייסט דאָס, שעלי שעלאָך שעלאָך שעלי, מײַנס דײַנס — העפקער ציבעלעס...

פאַר אײן זאַך נאָר האָב איך אים פײַנט געהאַט: פאַר זײַן פאַרפאַלן ווערן. פלוצים פלעגט ער זיך אויפהייבן, אַוועקגײן, און נישטאָ פּעפּערל! „וווּ ביסטו געווען, מײַן טײַערער שפּילפויגל?" שווײַגט ווי אַ פיש... איך ווייס נישט, ווי אַזוי איר — איך האָב פײַנט אַ מענטש מיט סודעס; איך האָב ליב, ווי זאָגט ער: ו י ד ב ר — גערעדט און ו י א מ ר — געזאָגט. דערפאַר האָט ער אָבער אַ מעלע: צערעדט ער זיך שוין, איז — פאַר פײַער און פאַר וואַסער. אַ פּיסק — נישט געדאַכט זאָל ער ווערן! מיט פלאַנען אַלץ אַזעלכע ווילדע, קרומע, מעשוגענע גענג, עפּעס אַלצדינג לאַקירדע, פּאָפּעריק, מיט די פיס אַרויף. לעמאָשל, אַ נאָגיד, קומט אויס נאָך זײַן מעשוגענעם, פאַרקערטן סייכל, איז אָפּגעפּרעגט, און אַ קאַבצן איז, פאַרקערט, אַ גאַנצער צימעס, און ווער שמועסט אַ באַלמעלאָכע — דער איז גאָר דאָס אויבערשטע פונעם שטייסל, טײַערער פון כערויסעס, מאַכמעס יגיע כפּיך, זאָגט ער, דאָס איז דער איקער. „פונדעסטוועגן, זאָג איך, צו געלט, זאָג איך, קומט דאָס נישט?" ווערט ער מאָלע קאַס און וויל מיר אײַנדרינגען, אַז געלט איז אַ שכיטע פאַר דער וועלט; פון געלט, זאָגט ער, נעמען זיך אַלע פאַלשקײַטן אויף דער וועלט, און אַלצ-

דינג, זאָגט ער, וואָס סע טוט זיך אויף דער וועלט, טוט זיך עס נישט אַל־פּי יושער. און ער ברענגט מיר צענטויזנט ראַיעס און מעשאָלים, וואָס קלעפּן זיך בײַ מיר ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט... „קומט אויס נאָך דײַן מעשוגענעם סייכל, זאָג איך, אַז דאָס וואָס מײַן בעהיימע מעלקט זיך, און דאָס וואָס מײַן פערדל פאָרט, איז אויך נישט אַל פּי יושער?"... אוכדוימע נאָך אַזעלכע קלאָץ־קאַשעס פרעג איך אים און שטעל אים אָפּ, ווי זאָגט ער, אויף יעדן טריט, ווי טעוויע קאָן! מײַן פעפערל אָבער קאָן אויך, נאָך אַ מין קאָנען! האַלעווײַ וואָלט ער אַזוי נישט קאָנען ווי ער קאָן! און האָט ער עפּעס אויפן האַרצן, אַזוי זאָגט ער דאָס אַרויס! אײַנמאָל זיצן מיר אַזוי פאַרנאַכט בײַ מיר אויף דער פריזבע און כאַקרענען אַלץ מיקויעך די דאַזיקע איניאָנים, פילאָזאָפיע הייסט עס. רופט ער זיך אָן צו מיר, פעפערל הייסט עס: „איר ווייסט, רעב טעוויע? איר האָט טעכטער, רעב טעוויע, זייער געראָטענע". „טאַקע בעעמעס? — זאָג איך — אַ דאַנק דיר פאַר דער בסורע; זיי האָבן, זאָג איך, אין וועמען געראָטן צו זײַן". „איינע, זאָגט ער צו מיר ווײַטער, די עלטערע, די איז גאָר, זאָגט ער, אַ באַר־דאַס, אַ פאָלגע מענטש". „איך ווייס עס אָן דיר, זאָג איך, דאָס עפּעלע, זאָג איך, פאַלט נישט ווײַט פונעם ביימעלע". אַזוי זאָג איך צו אים, און דאָס האַרץ, געוויינטלעך, וואַקסט פאַר טײַנעג, וואָרום וואָסער פאָטער, איך בעט אײַך, האָט נישט ליב, אַז מע לויבט אים זײַנע קינדער? גיי זײַ אַ נאָווי, אַז פון אַזאַ מין לויבעניש וועט גאָר אַרויסשפּרינגען אַ פאַרקאָכעניש, זאָל גאָט שוימער אומאַצל זײַן! איר מעגט דאָס האָרכן.

בעקיצער, געווען איז דאָס צווישן טאָג און נאַכט, אין בוי־בעריק טאַקע, פאָר איך מיר אַזוי מיט מײַן וועגעלע איבער די דאַטשעס, און שמײַס דאָס פערדל און שמועס מיך דורך מיט דעם אויף פערדיש לאָשן: „לסוסתי, זאָג איך צו דעם, וויאָ! אַנו, מאַך נאָר, זאָג איך, מיט די ראַגלאַיִם אַביסעלע גיכער, באַקומ־סטו דײַן פאָרציע האָבער, וואָרעם אין קמח אין תורה־שטייט בײַ אונדז געשריבן — אַז מען שמירט נישט, פאָרט מען נישט"...

און ווי איך רעד מיר דאָ אַזוי מיט מײַן פערדל, זע איך,

פון וואַלד אַרויס שנײַדט זיך אַ פּאָרל, צוויי מענטשן, ניקער, אַ זאָכער מיט אַ נעקייווע. גיין גייען זיי נאָענט, האַרט איינער צום אַנדערן, און מען רעדט עפּעס זייער געשמאַק. ווער קאָן דאָס זײַן פֿלוצים אינמיטן דערינען? — קלער איך מיר און קוק מיך אײַן דורך די פֿײַעריקע ריטער פֿון דער זון. — איך וואָלט געמעגט שווערן, אַז ס׳איז פּעפּערל! מיט וועמען גייט ער דאָס, דער שלי־מאַזל, אַזוי שפּעט? איך פֿאַרשטעל מיך מיט דער האַנט פֿון דער זון און קוק מיך אײַן נאָך שטאַרקער: ווער איז די נעקייווקע? אוי, דאַכט זיך, האָדל? יאָ, ס׳איז זי, ווי איך בין אַ ייִד, ס׳איז זי!... אַזוי? אָט דאָס האָט מען אַזוי געשמאַק געלערנט גראַמאַ־טיקעס, געלייענט ביכלעך?! אוי, טעוויע, ביסטו אַ בעהיימע!— אַזוי טראַכט איך מיר, און שטעל אָפּ דאָס פֿערדל און רוף זיך אָן צו מײַנע לײַט: „אַ גוטן אָוונט אײַך, זאָג איך, וואָס הערט זיך עפּעס מיקויעך מילכאָמע? ווי קומט איר, זאָג איך, פֿלוצים גאָר אַהער? אויף וועמען קוקט איר דאָ אַרויס? אויפֿן נעכטיקן טאָג?“... דערהערט אַזאַ מין באָרעך־האַבאָ, איז מײַן פּאָרל געבליבן שטיין נישט אַהין, נישט אַהער, מעכילע צעדרייט און רויטלעך אויפֿן פּנים... געשטאַנען אַזוי אַ פּאָר מינוט אָן ווערטער, לאָזט מען אַראָפּ די אויגן, נאָכדעם הייבט מען אָן קוקן אויף מיר, איך אויף זיי, זיי ביידע איינס אויף דאָס אַנדערע.

„נו? — זאָג איך. — עפּעס באַטראַכט איר מיך, זאָג איך גלײַך אַזוי ווי איר האָט מיך שוין לאַנג נישט געזען. איך בין, דאַכט מיר, דער אייגענער טעוויע, זאָג איך, וואָס געווען, נישט געמינערט אַ האָר“. אַזוי מאַך איך צו זיי האַלב פֿאַרדראָסיק און האַלב אויף קאַטאָוועס. רופֿט זיך אָן צו מיר די טאָכטער מײַנע, האָדל הייסט דאָס, און ווערט נאָך רויטער ווי פֿריִער: „טאַטע, אונדז קומט מאַזל־טאָוו“... „מאַזל־טאָוו אײַך, זאָג איך, מיט מאַזל זאָלט איר לעבן. וואָס איז די מײַסע? איר האָט געפֿונען, זאָג איך, אַן אוצער אין וואַלד? צי איר זענט נאָר וואָס ניצל געוואָרן, זאָג איך, פֿון אַ גרויסער סאַקאָנע?“ „אונדז קומט, זאָגט ער, מאַזל־טאָוו, מיר זענען כאָסן־קאַלע“. „וואָס הייסט, זאָג איך, איר זענט כאָסן־קאַלע?“ „כאָסן־קאַלע, זאָגט ער. ווייסט איר נישט וואָס הייסט? כאָסן־קאַלע הייסט, זאָגט ער, איך בין איר כאָסן, זי איז

מײַן קאַלע". אַזוי מאַכט ער צו מיר, פּעפּערל הייסט דאָס, און קוקט מיר דאַפּקע גלײַך אין די אויגן אַרײַן. איך קוק אים אָבער אויך גלײַך אין די אויגן אַרײַן און מאַך צו אים: „ווען איז געווען בײַ אײַך, זאָג איך, דאָס קנאַסמאָל? און פאַרוואָס האָט איר נישט גערופן מיך אויך אויף דער סימכע? איך קער מיך, דאַכט זיך, אָן דאָ אַ שטיקל מעכוטן, צי ניין?"... איר פאַרשטייט, איך לאַך און ווערעם עסן מיך, טאָטשען מײַן לײַב. נאָר גאָרנישט, טעוויע איז נישט קיין יידענע, טעוויע האָט ליב אויסצוהאָרכן ביזן סאָף... רוף איך מיך אָן צו זיי: „איך פאַרשטיי נישט — אַ שידעך אָן אַ שאַדכן, אָן טנאָים?" „וואָס דאַרפן מיר, מאַכט ער, פּעפּערל הייסט דאָס. שאַדכאָנים? מיר זענען שוין לאַנג, זאָגט ער, כאָסן-קאַלע". „אַזוי? גאָטס ניסים! וואָס-זשע האָט איר זאָג איך, געשוויגן ביז אַהער?" „וואָס זאָלן מיר, זאָגט ער, שרײַען? מיר וואָלטן אײַך הײַנט אויך נישט דערציילט, נאָר אַזוי, מיר האַלטן אינגיכן בײַ צעשיידן זיך, איז בײַ אונדז געבליבן מיר זאָלן שטעלן פריערט אַ כופּע"... דאָס האָט מיך שוין פאַר-דראָסן, דערלאַנגט אין ביין אַרײַן! מיילע, וואָס ער זאָגט: כאָסן-קאַלע — איז נאָך צו דערלײַדן, אָבער כופּע? וואָס איז דאָס פאַר אַ ווערטער: שטעלן אַ כופּע? עפּעס טאַרגום-לאָשן!... ווײַזן ווײַזט אויס, אַז מײַן כאָסן האָט פאַרשטאַנען, אַז איך בין פון דער מײַסע אַביסל מעטושטעש; רופט ער זיך אָן צו מיר: „פאַרשטייט איר, רעב טעוויע, די מײַסע דערפון איז אַזוי: איך האַלט בײַ אָפּפאָרן פונדאַנען". „ווען פאָרסטו?" „אינגיכן". „וווהין, אַ שטייגער?" „דאָס קאָן איך אײַך, מאַכט ער, נישט זאָגן. ס'איז זאָגט ער, אַ סאָד"... איר הערט? ס'איז אַ סאָד! ווי געפעלט דאָס אײַך, אַ שטייגער? קומט צו גיין אַ פּעפּערל, אַ קליינס, אַ שוואַרצס, אַ פאַר זעניש, פאַרשטעלט זיך פאַר אַ כאָסן, וויל שטעלן אַ כופּע האַלט בײַ אָוועקפאָרן און זאָגט נישט וווהין! קאָן נישט צעזעצט ווערן די גאַל? „מיילע, זאָג איך צו אים, אַ סאָד איז אַ סאָד; בײַ דיר איז גאָלע סוידעס... גיב מיר אָבער צו פאַרשטיין, ברודערל, אָט דאָס: דו ביסט דאָך אַ מענטש, זאָג איך, פון סאַמע יוישער און ביסט אײַנגעטונקען אין מענטשלעכקײַט פון אויבן ביז אַראָפּ— ווי קומט דאָס, זאָג איך, צו דיר, אַז די זאָלסט פּלוצים אײַנ-

מיטן דערינגען צונעמען בײַ טעוויען אַ טאָכטער און מאַכן זי פּאַר אַן אַגונע? אָט דאָס הייסט בײַ דיר יושער? מענטשלעכקײַט? אַ שטיקל גליק, זאָג איך, וואָס דו האָסט מיך נישט באַגאַנוועט, אָדער אונטערגעצונדן"... „טאַטע! זאָגט זי צו מיר, האָדל הייסט דאָס, — דו ווייסט גאָרנישט, ווי גליקלעך מיר זענען, איך און ער, וואָס מיר האָבן דיר אויסגעזאָגט פונעם סאָד. ס'איז בײַ אונדז, זאָגט זי, אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן. קום אַהער, לאָמיר זיך צעקושן". און נישט לאַנג געטראַכט, כאַפּן זיי מיך אַרום בײדע, זי פון איין זײַט, ער פון דער אַנדערער זײַט, און מע הייבט מיך אָן קושן און האַלדזן, זיי מיך און איך זיי און פון גרויס אימפּעט, אַפּאָנעם, זיי בײדע צווישן זיך דאַוואַי קושן זיך! אַ באַשרײַבונג, זאָג איך אײַך, אַ טעיאַטער מיט זיי! „טאָמער וואָלט שוין געווען, זאָג איך, גענוג קושן זיך? צײַט עפּיס רעדן מיקויעך טאַכלים". „מיקויעך וואָסער טאַכלים?" זאָגן זיי. „מיקויעך נאַדן, זאָג איך, מאַלבושים, הויצאָעס האַכאַסענע, דאָס, יענץ, לאָקש, בוידעם, ציבעלע"... „מיר דאַרפן נישט, זאָגן זיי, גאָרנישט, נישט קיין לאָקשן, נישט קיין בוידעם, נישט קיין ציבעלעס". „וואָס־זשע דען, זאָג איך, דאַרפט איר יאָ?" „מיר דאַרפן, זאָגן זיי, נאָר כופּע וועקידושן"... איר הערט ווערטער?...

בקיצור, עס האָט מיך געהאָלפן, ווי דער פּאַראַיאָריקער שניי — מע האָט געשטעלט אַ כופּע, אַלץ הייסט אַ כופּע! אַוואַדע, וואָס זאָלט איר קלערן, נישט אַזאַ כופּע, ווי טעוויען שטייט אָן. אויך מיר אַ כופּע!... אַ שטילע כאַסענע... אָך און וויי!... אַ פּאָר שאָ נאָך דער שיינער כופּע, שפּאַן איך אײַן דאָס פּערד־און־וועגעלע, און מיר זעצן זיך אויף זאַלבעדריט, דאָס הייסט: איך און זי און ער, דער געניידעם מײַנער, און הלך משה מרדכי — מאַרש צום באַן קײַן בויבעריק. זיצנדיק אַזוי מיט מײַן פּאָרפּאָלק אין וועגעלע, כאַפּ איך מיר אַ קוק מין האַצאַד אויפן פּאָרל און טראַכט מיר: וואָס פאַר אַ גרויסן גאָט מיר האָבן און ווי מאָדנע שיין ער פירט זײַן וועלטל! און וואָס פאַר מינע מעשונע נעפּאַשעס, ווילדע ברוים, עס געפינען זיך בײַ אים! אָט האָט איר אײַך אַ פּאָרפאָלק נאָר וואָס פון דער נאָדל אַרויס: פאָרט ער אַוועק, דער גוטער יאָר ווייסט אַ"ם וווהין, און זי בלײַבט איבער דאָ —

און מע זאָל דאָס לאָזן אַפּילע אַ טרער, כאָטש פון יויצע וועגן נאָר גאָרנישט, טעוויע איז נישט קיין ייִדענע. טעוויע האָט צײַט, קוקט און שווײַגט, וואָס וועט דאָ זײַן... זע איך עפּעס אַ פּאָר יונגעלײַטלעך, גוטע קאַסריליקעס מיט אויסגעטראָטענע שטיוול, זענען אַרויסגעקומען אויפן באַן זיך געזעגענען מיט מײַן שפּיל-פויגל. איינער פון זיי איז געגאַנגען עפּיס ווי אַ שייגעץ, איך בעט איבער אײַער קאָוועד, מיטן העמדל איבער די הויזן, און האָט עפּעס געשושקעט זיך מיט מײַנעם שטילערהייט. „זע נאָר, טעוויע׳ טראַכט איך מיר, צי האָסטו זיך נישט אַרײַנגעכאַפּט דאָ צווישן כעוורע פערד־גאַנאָווים, בײַטל־שנײַדערס, שלעסער-ברעכער, אָדער פאַלשע מאָנעטשיקעס ?”...

פאָרנדיק צוריק מיט מײַן האָדלען פון בויבעריק אַהיים, קאָן איך מיך נישט אײַנהאַלטן און זאָג איר אַרויס דעם דאָזיקן געדאַנק גאַנץ אָפנטלעך. צעלאַכט זי זיך און וויל מיר אײַנרעדן, אַז ס׳איז לויטער פײַנע מענטשלעך, ערלעכע, לעצט-ערלעכע לײַט, וואָס זייער גאַנץ לעבן איז נאָר פון יענעמס וועגן, זיך האָבן זיי נישט אין זינען, אַפּילע אין דער לינקער פּיאַטע... איך איר: „פּעפּערל”, און זי מיר: „טויוואַס־האַקלאַל, אַרבעטער, נעכטיקע טעג”... „וואָס טויג מיר, זאָג איך, אייער טויוואַס האַקלאַל מיט אײַער אַרבעטן, אַז עס גייט צו בײַ אײַך בעסאָד ? פּאַראַן, זאָג איך, אַ שפּריכוואָרט: וואו אַ סאָד, דאָרט איז אַ געני׳ווע... אַמער זאָג מיר גלײַך, וואָס איז ער געפּאָרן, פּעפּערל, און ווהין ?... „אַלצדינג יאָ, זאָגט זי, נאָר דאָס נישט. פרעג זיך, זאָגט זי, בעסער נישט נאָך ; גלייב מיר, זאָגט זי, וועסט מיט דער צײַט אַליין אַלצדינג וויסן, וועסט מירצעשעם הערן, און עפשער אינגיכן, פיל נײַעס, פיל גוטס !”... „אָמיין, האַלעווײַ, זאָג איך, פון דײַן מויל אין גאָטס אויערן. נאָר אונדזערע סאָנים, זאָג איך, זאָלן אַזוי וויסן פון זייער געזונט, ווי איך הייב אָן צו פאַרשטיין, וואָס דאָ טוט זיך בײַ אײַך און וואָס באַדײַט די שפּיל !”... „אָט דאָס איז טאַקע, זאָגט זי, דער אומגליק, וואָס דו וועסט דאָס נישט פאַרשטיין”. „וואָס-זשע, ס׳איז אַזוי טיף ? מיר דאַכט, זאָג איך, אַז איך פאַרשטיי, מיט גאָטס הילף, גרעסערע זאַכן”... „דאָס לאָזט זיך נישט, זאָגט זי, פאַר־שטיין מיטן סייכל אַליין, דאָס דאַרף מען, זאָגט זי, פילן, פילן

מיטן האַרצן"... אַזוי זאָגט זי צו מיר, האָדל הייסט עס, און דאָס פּאָנעם בײַ איר בעשאָס מײַסע פלאַמט און די אויגן ברענען. נישט געדאַכט זאָלן זיי ווערן, די טעכטער מײַנע! פאַרקאָכן זיי זיך אין עפּעס, איז מיט האַרץ און מיט לײַב און לעבן און מיטן גוף און מיט דער נעשאָמע!

בעקיצער וועל איך אײַך דערציילן, עס גייט אַוועק אַ וואָך און צוויי און דרײַ און פיר און פינף און זעקס און זיבן — נישטאָ נישט קיין בריוו, נישט קיין יעדיִע. „פאַרפאַלן, זאָג איך, פּעפּערל!" — און כאַפּ אַ קוק אויף מײַן האָדלען. נעבעך קיין טראָפּן בלוט נישטאָ אין פּאָנעם, זוכט אויף אַלעמאָל אַן אַנדער שטיקל אַרבעט אין שטוב, וויל, ווײַזט אויס, פאַרגעסן דורך דעם די גרויסע צאָרעס אירע, נאָר, איר זאָלט זאָגן, זי זאָל דאָס אים אַפילע דערמאָנען! שאַ, שטיל, גלײַך ווי ס'איז גאָר קיינמאָל נישט געווען קיין פּעפּערל אויף דער וועלט! נאָר איינמאָל טרעפט זיך אַ מײַסע, איך קום צופאָרן אַהיים, איך זע — מײַן האָדל איז פאַרווײנט, גייט אַרום מיט אָנגעשוואָלענע אויגן. הייב איך מיך אָן צו דערפרעגן. ווער איך געוואָר, אַז דאָ איז נישט לאַנג געווען עפּעס איינער אַ שלימאַזל מיט לאַנגע האָר און געסוידעט זיך עפּעס מיט איר, מיט האָדלען הייסט עס. און נישט לאַנג געטראַכט, רוף איך אַרויס מײַן האָדלען פון שטוב אין הויף אַרויס און טו זי אַ כאַפּ גלײַך אויף דער וועגטקע: „זאָג מיר נאָר, טאָכטער, האָסט שוין פון אים אַ גרוס?" „יאָ". „ווו איז ער ערגעץ, דײַן באַשערטער?" „ער זיצט!" „ער זיצט?" „ער זיצט"... „ווו זיצט ער?" פאַרוואָס זיצט ער?" — שווײַגט זי. קוקט מיר גלײַך אין די אויגן אַרײַן און שווײַגט. „זאָג מיר נאָר, זאָג איך, טאָכטער מײַנע, ווידליק איך פאַרשטיי, זיצט ער נישט פאַר קיין גענייווע; פאַרשטיי איך נישט דעם סייכל, אַז ווי באַלד קיין גאַנעוו נישט און קיין שווינדלער נישט, הײַנט פאַרוואָס־זשע זיצט ער, פאַר וואָסערע מײַסים טויווים?..." שווײַגט זי. האָב איך מיך מעיאַשעוו געווען: זאָגסט נישט, דאַרף מען נישט; ער איז דאָך דײַן שלימאַזל, נישט מײַנער. אַ שיינע ריינע קאַפּאָרע! נאָר אינעווייניק אין האַרצן טראָג איך אַ ווייטיק, איך בין פאָרט אַ פאָטער!

בעקיצער, געווען איז דאָס הוישײַנע־ראַבע אויף דער נאַכט

קומט זי אָן, האָדל הייסט עס, זעצט זיך צו לעבן מיר אויף דער פּריזבע, קוקט זיך אַרום אויף אַלע זײַטן און רופט זיך אָן צו מיר שטילערהייט: „הערסטו, טאַטע? איך דאַרף דיר עפּעס זאָגן: הײַנט געזעגענען מיר זיך אָפּ מיט דיר... אויף שטענדיק"...

אַזוי זאָגט זי צו מיר שטיל, קוים וואָס מע הערט, און קוקט אויף מיר מיט אַ מאָדנעם מין קוק, מיט אַזאַ קוק, וואָס איך וועל אים אייביק נישט פֿאַרגעסן.

„וואָס הייסט, זאָג איך, דו געזעגנסט זיך אָפּ מיט מיר אויף שטענדיק?" — אַזוי מאַך איך צו איר און קוק אַראָפּ, זי זאָל נישט זען, ווי איך בין טויט. „דאָס הייסט, זאָגט זי, איך פֿאָר, זאָגט זי, אַוועק, מאָרגן, זאָגט זי, גאַנץ פֿרי, מיר וועלן זיך שוין מער קיינמאָל נישט זען... קיינמאָל נישט"...

דערהערט די דאָזיקע ווערטער, איז מיר געוואָרן אַ ביסל גרינגער אויף דער נשמה. דאַנקען גאָט כאָטש דערפֿאַר, טראַכט איך מיר, עס קאָן זײַן ערגער, בעסער האָט קיין שיעור נישט... „וווהין, לעמאָשל, פֿאָרסטו, אויב איך האָב, זאָג איך, די זכיה צו וויסן?" „איך פֿאָר, זאָג זי, צו אים". „צו אים? — זאָג איך. — ווו איז ער דען אַצינדערט?" „לעסאַטע, זאָגט זי, זיצט ער נאָך, נאָר אינגיכן שיקט מען אים אַוועק". „פֿאָרסטו, הייסט דאָס, זיך געזעגענען מיט אים?" — אַזוי זאָג איך צו איר און מאַך זיך טאַמעוואַטע. „ניין, זאָגט זי, איך גיי אים נאָך גלײַך אַהין". „אַהין? — זאָג איך — ווער איז געווען דער אַהין? ווי אַזוי הייסט דאָס אָרט?" „מע ווייסט נאָך נישט אַקוראַט, זאָגט זי, ווי אַזוי דאָס אָרט הייסט, נאָר ווײַט איז דאָס זייער, זאָגט זי, ווײַט מיט סאַקאָנעס נעפֿאָשעס"...

אַזוי זאָגט זי צו מיר, האָדל הייסט עס, און עס מאָלט זיך מיר אויסעט, אַז זי רעדט דאָס מיט גאַדלעס, מיט גרויסקײַט, גלײַך ווי ער וואָלט דאָ אָפּגעטון עפּעס אַזעלכעס, וואָס סע קומט אים דערפֿאַר אַ מעדאַל פֿון אַ פֿוד אײַזן!... וואָס ענטפֿערט מען איר, לעמאָשל, אויף אַזאַ זאַך? פֿאַר אַזאַ זאַך נעמט אַ פֿאָטער און בייזערט זיך אויס אויף אַ קינד, שענקט אַ פּאָר פּעטש, אָדער ער בײַטלט אויס אַלע בייזע וויסטע כאַלוימעס. טעוויע איז אָבער נישט קיין ייִדענע. איך גיי מיט

דעם גאַנג, אַז קאַס איז אַווידעזאָרע. רוף איך מיך אָן צו איר מיט אַ פּאַסעק, ווי געוויינטלעך: „איך זע אַרויס, זאָג איך, טאָכטער מײַנע, אַז דו וואַרפסט אַוועק, זאָג איך, צוליב אַ מע־פּערל טאַטע־מאַמע, זאָג איך, און לאָזט זיך אַוועק אין אַן אָרט, וואָס מע ווייסט נישט ווו. ערגעץ אין די מידבאָריעס, אַפּאָנעם, אויפן פאַרגליווערטן יאַם, דאָרט, ווו אַלעקסאַנדער מוקדן, זאָג איך, איז געפאָרן אויפן אָקרענט און פאַרבלאָנדזשעט אויף אַ ווײַטער וויספע, זאָג איך, צווישן ווילדע מענטשן, ווי איך האָב געלייענט, זאָג איך, אַמאָל אין אַ מײַסע־ביכל”...

אַזוי זאָג איך צו איר האַלב אויף קאַטאָוועס און האַלב מיט קאַס, און דאָס האַרץ בעשאַס מײַסע וויינט. נאָר טעוויע איז נישט קיין יידענע. טעוויע האַלט זיך איַין. און זי, האָדל הייסט עס, פאַלט נישט אַראָפּ בײַ זיך; ענטפערט מיר אָפּ אַל רישן, און שטיל, נישט געכאַפּט, און באַטראַכט. טעוויעס טעכטער קאָנען רעדן...

און כאָטש איך האַלט דעם קאָפּ אַראָפּ און די אויגן צו, פונדעסטוועגן דאַכט זיך מיר, אַז איך זע זי, האָדלען הייסט דאָס, איך זע — איר פּאָנעם איז פונקט אַזוי ווי די לעוואָנע בלאַס און מאַט, און דאָס קאָל אירס, מאָלט זיך מיר אויס, איז עפּעס ווי פאַרדומפּן, ציטערט... זאָל איך איר, אַ שטייגער, פאַלן אויפן האַלדז, בעטן, כאַלעשן פאַר איר, זי זאָל נישט פאָרן? ווייס איך, אַז ס'איז אַרויסגעוואָרפן. יעמאַך שעמאָם זאָלן זיי ווערן, טאַקע די טעכטער מײַנע, — פאַרקאָכן זיי זיך אין עמעצן, איז מיטן גוף און מיט דער נעשאָמע און מיטן האַרץ און מיט לײַב און לעבן!

בעקיצער, מיר זענען אָפּגעזעסן אַזוי אויף דער פריזבע אַ היפּש שטיק צײַט, לאָז זיך אײַך דאַכטן, קימאַט די גאַנצע נאַכט. מער געשוויגן ווי גערעדט, און דאָס, וואָס מיר האָבן גערעדט, איז אויך געווען קימאַט ווי נישט גערעדט, האַלבע ווערטער... זי האָט גערעדט און איך האָב גערעדט. איך פרעג זי נאָר איין זאַך: ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַ מיידל זאָל נעמען און כאַסענע האָבן פאַר אַ באָכער צוליב דעם, זי זאָל אים קאָנען נאָכגיין ערגעץ אין אַלדי שוואַרצע יאָר? ענט־

פערט זי מיר: „מיט אים איז אַלץ איינס, אַפילו אין אַלדי שוואַרצע יאָר״... גיב איך איר, געוויינטלעך, צו פאַרשטיין מיטן סייכל, ווי נאַריש דאָס איז. גיט זי מיר צו פאַרשטיין מיט איר סייכל, אַז איך וועל דאָס קיינמאָל נישט פאַרשטיין. ברענגט איך איר אַ מאָשל מיט אַ הון, אַ קוואָקע, וואָס האָט אויסגעזעסן קאַטשקעלעך. די קאַטשקעלעך האָבן זיך נאָר אויפגעכאַפּט אויף די פיסלעך, האָבן זיי זיך געלאָזט אויפן וואַסער, און די קוואָקע נעבעך קוואָקעט. „וואָס, זאָג איך, ווערסטו זאָגן, זאָג איך, דערויף, טאָכטער לעבן?״ „וואָס, זאָגט זי, זאָל איך דערויף זאָגן? ס׳איז אַוואַדע אַ ראַכמאָנעס, זאָגט זי, אויף דער קוואָקע; נאָר צוליב דעם, זאָגט זי, וואָס די קוואָקע קוואָקעט, זאָלן די קאַטשקעלעך נישט שווימען?״... איר פאַרשטייט די-בורים? טעוויעס טאָכטער רעדט נישט גלאַט...

און דערווײַל די צײַט שטייט נישט. עס הייבט שוין אָן צו שאַריען אויף טאָג. די אַלטע אין שטוב וואָרטשעט. זי האָט שוין עטלעכע מאָל געשיקט זאָגן, אַז ס׳איז שוין צײַט מאַכן נאַכט, און געזען, אַז עס העלפט נישט, האָט זי אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ דורכן פענצטער און מאַכט צו מיר, מיט אַ שיינעם יברכך געוויינטלעך: „טעוויע! וואָס טראַכסטו זיך?״ „לאָז זײַן שטיל, זאָג איך, גאָלדע, הוישײַנע-ראַבע דאַרף מען זײַן אויף. פאָלג מיך, גאָלדע, זאָג איך, דו נעם, זײַ מויכל, צעבלאָז נאָר דעם סאַמאָוואַר, זאָג איך, און לאָז זײַן טיי, און איך וועל גיין דערווײַלע שפּאַנען דאָס וועגעלע. מיר פאָרן מיט האָדלען צום באַן״. און ווי דער שטייגער איז, טאָק איך איר אָפּ אַ שפּאָגל-נײַעם ליגן, אַז האָדל פאָרט אַוועק קיין יעהופּעץ און פון דאָרטן נאָך ווײַטער, אַלץ מיקויעך יענעם אייסעק, אַ ירושע, און עס קאָן געמאָלט זײַן, זאָג איך, אַז זי זאָל שוין דאָרטן בלײַבן איבערן גאַנצן ווינטער און עפּשער איבערן ווינטער מיטן זומער מיט נאָך אַ ווינטער; לעכיין דאַרף מען איר, זאָג איך, מיטגעבן ציידע לעדערעך, אַ ביסל גרעט, אַ קליידל, א פּאָר קישנס, ציכלעך, דאָס, יענץ און שאַר-יעראָקעס.

אַזוי קאָמאַנדעווע איך און זאָג אָן, ס׳זאָל נישט זײַן קיין געוויינען, ס׳איז הוישײַנע-ראַבע אויף דער וועלט. הערט מען

דאָך מיך ווי די קאַץ און מע ווײנט דאַפּקע יאָ, און אַז סע קומט צום געזעגענען זיך, ווערט אַ יעלאָלע, אַלע וויינען — די מאַמע, די קינדער, און טאַקע זי אַליין, האָדל הייסט דאָס.

נאָר איך אײנער האָב מיך געהאַלטן שטאָל און אײַזן! דאָס הייסט, עס רעדט זיך נאָר אַזוי — שטאָל און אײַזן; אינעווייניק קאָכט ווי אַ סאַמאָוואַר, נאָר יענעם אַרויסווײַזן — פּעטעוויע איז דאָך נישט קיין יִידענע... דעם גאַנצן וועג קיין בויבעריק שווײַגט מען, און אַז מיר האַלטן שוין נישט ווײַט פון דער באַן, רוף איך מיך אָן צו איר, זי זאָל מיר זאָגן דאָס לעצטע מאָל, וואָס פאָרט האָט ער דאָס געטון אַזעלכעס, פּעפּערל הייסט דאָס?... „איטלעכע זאַך, זאָג איך, באַדאַרף דאָך האָבן עפּעס אַ טאַם”... ווערט זי אָנגעצונדן און שווערט מיר מיט קאָל האַשוווּעס שעבעאוילעם, אַז ער איז ריין, ווי גינגאָלד. „ער איז, זאָגט זי, אַ מענטש, וואָס קאַטאָרי פאַר זיך אַרט אים נישט, דאָס גאַנצע טועכץ זײַנס איז נאָר, זאָגט זי, יענעמס טויווע, דער וועלטס טויווע — און דער איקער פאַר די באַלמעלאָכעס” — און גייט זײַט אַ כאָכעם און טרעפט, וואָס דאָס הייסט! „זאָרגט ער זיך, זאָג איך צו איר, הייסט דאָס, פאַר דער וועלט? לעמײַ־זשע, זאָג איך, זאָרגט זיך נישט די וועלט פאַר אים, אַז ער איז יאָ אַזאַ ווילער באָכער? זאָלסט אים כאָטש לאָזן גריסן, זאָג איך, דעם אַלעקסאַנדער מוקדן דײַנעם, זאָלסט אים זאָגן, זאָג איך, אַז איך פאַרלאָז מיך אויף זײַן יוישער, ער איז דאָך אַ מענטש פון סאַמע יוישער, זאָג איך, אַז ער וועט מײַן טאָכטער מיסטאָמע נישט פאַרפירן, און שרײַבן אַמאָל, זאָג איך, אַ בריוול דעם אַלטן טאַטן”...

און אַזוי ווי איך רעד, פאַלט זי מיר נישט פלוצים אויפן האַלדז און הייבט נישט אָן צו וויינען? „לאָמיר זיך, זאָגט זי, געזעגענען. זײַ געזונט, טאַטע. גאָט ווייסט, זאָגט זי, ווען מיר וועלן זיך זען!?”... אַן עק! אָט דאָ האָב איך מיך שוין נישט געקאָנט אײַנהאַלטן... עס איז מיר געקומען אויפן געדאַנק, פאַרשטייט איר, טאַקע די אייגענע האָדל, בעשאַס זי איז נאָך געווען אַ ברעקל... אַ קינד הייסט דאָס... זי געהאַלטן אויף די הענט... אויף די הענט געהאַלטן... האָט קיין פאַריבל נישט,

פּאַניע, וואָס איך האָב מיך... מײַסע יידענע... איר זאָלט וויסן, הערט איר, וואָס דאָס איז פֿאַר אַ האָדל, דאָס איז!... איר זאָלט זען די בריוולעך, וואָס זי שרײַבט... ס'איז אַ האָדל פֿון גאָט!... זי איז בײַ מיר אָט־אָ־דאָ־אָ, איז זי בײַ מיר... טיף, טיף... איך קאָן עס אײַך אַזוי פֿיל נישט אַרויסגעבן... . . .

. . . .

געשריבן אין יאָר 1904.

כּאַווע

גאָט האָט געוואָלט אַ טויווע טון טעוויען, גייט ער און בענטשט אים מיט זיבן קינדער נעקייוועס, טעכטער הייסט עס, אַלע אויסגעשפּילטע, געראָטענע, קלוגע און שיינע, פרישע, געזונטע, איך זאָג אײַך — סאָסנעס! אוי, האַלעווײַ וואָלטן זיי בעסער געווען מיעסע פּאַסקודניצעס, וואָלט עפּשער געווען בעסער פֿאַר זיי און געזינטער פֿאַר מיר. וואָרעם וואָס קומט אַרויס, איך בעט אײַך, פֿון אַ גוט פערדל, אַז עס שטייט אין שטאַל? וואָס קומט אַרויס פֿון שיינע טעכטער, אַז מע ליגט פאַרשטעקט מיט זיי אין אַ העק און מע קוקט נישט אָן קיין לעבעדיקן מענטשן, אַכוץ אַנטאָן פּאַפּערילע, דעם גויִשן ראָש האַקאָעל פֿון דאָרף, און דעם שרײַבער כוועדקע גאַלאַגאַן, אַ הויכער גויעץ מיט אַ פּאַטלע און מיט לאַנגע שטיוול, און דעם גאַלעך.

בעקיצער, איך קום צו פֿאָרן איינמאָל אַהיים, אַרום פֿאַר־נאַכטלעך שוין, באַגעגן איך דעם שרײַבער כוועדקע, שטייט אין דרויסן מיט מײַן כאַווע, די דריטע טאָכטער מײַנע, די צווייטע פֿון האָדלען הייסט עס. מיך דערזען, האָט זיך מײַן באָכער געגעבן אַ דריי אויס, אַראָפּגענומען פֿאַר מיר דאָס היטל און אַוועק. רוף איך מיך אָן צו מײַן כאַוועס: „וואָס האָט דאָ געטון כוועדקע?“ זאָגט זי: „גאָרנישט“... זאָג איך: „וואָס הייסט גאָרנישט?“... זאָגט זי: „מיר האָבן געשמועסט“... זאָג איך: „וואָס פֿאַר אַ מעכוטן ביסטו מיט כוועדקען?“... זאָגט זי: „מיר זענען באַקאַנט שוין

פֿון לאַנג"... זאָג איך: „מאַזל־טאָוו דיר מיט דײַן באַקאַנטשאַפֿט! אַ שײנער כאַווער כוועדקע!"... זאָגט זי צו מיר: „דו קענסט אים דען? דו ווייסט דען ווער ער איז?"... זאָג איך צו איר: „ווער ער איז, ווייס איך נישט, כ׳האָב זײַן ייִכעס־בריוו נישט געזען; נאָר פֿאַרשטיין פֿאַרשטיי איך, אַז ער דאַרף שטאַמען פֿון סאַמע גדוילים; דער טאַטע זײַנער, זאָג איך, האָט געמוזט זײַן אָדער אַ פּאַסטוך, אָדער אַ סטרוזש, אָדער אַזוי אַ שיקער"... רופֿט זי זיך אָן צו מיר, כאַווע הייסט עס: „וואָס זײַן טאַטע איז געווען, ווייס איך נישט און וויל נישט וויסן, בײַ מיר זענען אַלע מענטשן גלײַך; נאָר אַז ער אַליין איז אַ מענטש נישט קיין געוויינלעכער — דאָס ווייס איך פֿאַר געוויס"... „דעהײַנע, זאָג איך, וואָס פֿאַר אַ מין סאָרט מענטש איז ער? לאָמיך הערן"... „איך וואָלט דיר, זאָגט זי, געזאָגט, וועסטו נישט פֿאַרשטיין. כוועדקע, זאָגט זי, דאָס איז דער צווייטער גאָרקי"... „דער צווייטער גאָרקי? — זאָג איך. — ווער־זשע איז געווען, זאָג איך, דער ערשטער גאָרקי?"... „גאָרקי, זאָגט זי, דאָס איז הײַנט קימאַט דער ערשטער מענטש אויף דער וועלט"... „וווּ זיצט ער׳ זאָג איך, דער טאַטע דײַנער, וואָס איז זײַן געשעפֿט און וואָס פֿאַר אַ דראָשע האָט ער געדאַרשנט?"... מאַכט זי׳ צו מיר: „דער גאָרקי — דאָס איז אַ באַרימטער שרײַבער, אַ שריפֿטשטעלער, אַ מענטש, הייסט דאָס, וואָס מאַכט ביכער, און אַ טײַערער, אַ זעלטענער, אַן ערלעכער מענטש, שטאַמט אויך פֿון פּראָסטן שטאַנד, נישט געלערנט אין ערגעץ, נאָר פֿון זיך אַליין... אָט דאָס איז זײַן בילד"... אַזוי מאַכט זי צו מיר, כאַווע הייסט עס, און נעמט אַרויס פֿון קעשענע אַ פּאָרטרעטל און ווײַזט דאָס מיר. „אָט דאָס איז ער, זאָג איך, דער צאַדיק דײַנער, רעב גאָרקי? איך וואָלט געמעגט שווערן, אַז איך האָב אים ערגעץ געזען, זאָג איך, צי אָדער בײַ דער באַן טראָגן זעק, אָדער אין וואַלד שלעפּן קלעצער"... „איז דאָס בײַ דיר, זאָגט זי, אַ כעסאָרן, זאָגט זי׳ אַז אַ מענטש האָרעוועט מיט זײַנע אייגענע הענט? דו אַליין האָרעוועסט דען נישט? און מיר האָרעווען נישט?" „יאָ, יאָ, זאָג איך, ביסט גערעכט, זאָג איך, ס׳איז אַ בפֿיירעשער פּאָסעק בײַ אונדז: אַז דו וועסט נישט האָרעווען, וועסטו נישט עסן... נאָר פֿונדעסטוועגן, זאָג איך, פֿאַרשטיי איך נישט, וואָס האָט דאָ צו טון כוועדקע?

איך וואָלט בעסער, זאָג איך, געווען צופרידן, ווען דו זאָלסט זײַן באַקאַנט מיט אים פּונדערוויַטן; דו באַדאַרפסט נישט פאַרגעסן, זאָג איך, ווער ביסטו און ווער איז ער"... מאַכט זי צו מיר: „גאָט האָט באַשאַפן אַלע מענטשן גלײַך"... „יאָ, יאָ, זאָג איך, גאָט האָט באַשאַפן אָדעם האָרישוינען נאָך זײַן געשטאַלט; מע טאָר אָבער נישט פאַרגעסן, אַז איטלעכער דאַרף זוכן זײַן גלײַכן" „אַן אַנטיק! — זאָגט זי צו מיר. — אויף אַלצדינג האָסטו אַ פּאָסעק! עפּשער געפינט זיך, זאָגט זי, בײַ דיר אַ פּאָסעק וועגן דעם, וואָס מענטשן, זאָגט זי, האָבן גענומען און האָבן זיך אַליין, זאָגט זי, אײַנגעטיילט אויף ייִדן און גוייִם, אויף באַלעבאַטים און קנעכט, אויף פּריצים און בעטלערס?"... „טע-טע-טע! — זאָג איך. — ביסט מיר שוין, דאַכט מיר, פאַרפאָרן, טאָכטער, אין עלעף האַשישי אַרײַן!" און איך גיב איר צו פאַרשטיין, אַז אַזוי פירט זיך שוין אויף דער וועלט מששת ימי בראשית". פרעגט זי מיך: „לעמײַ זאָל זיך אַזוי פירן אויף דער וועלט?"... זאָג איך: „דערפאַר, וואָס אַזוי האָט גאָט באַשאַפן זײַן וועלט"... זאָגט זי: „לעמײַ האָט גאָט אַזוי באַשאַפן זײַן וועלט?"... זאָג איך: „ע! אַז מיר וועלן אָנהייבן פרעגן קאַשעס — לעמײַ אַזוי און לעמײַ אַזוי, איז אַ מײַסע אָן אַן עק!"... זאָגט זי מיר: „דערויף האָט דאָך אונדז גאָט געגעבן אַ פאַרשטאַנד, אַז מיר זאָלן פרעגן קאַשעס"... זאָג איך: „בײַ אונדז איז פאַרהאַן אַ מינעג אַזעלכער, אַז אַ הון, זאָג איך, הייבט אָן צו קרייען ווי אַ האָן, זאָל מען זי באַלד אָוועקטראָגן צום שויכעט". „טאָמער וואָלט עפּשער גאָר געווען געבויג זיך צו גאָרגלען דאָרטן? — רופט זיך אָן מײַן גאָלדע פון שטוב אַרויס. — דער באָרשט, זאָגט זי, שטייט אויפן טיש שוין פון אַ שאָ, און ער זינגט גאָר זמירעס!"... „אָט האָסטו דיר, זאָג איך, די אַנדערע טעג יאָנטעוו! נישט אומזיסט, זאָג איך, האָבן אונדזערע כאַכאָמים געזאָגט: אַ ייִדענע האָט אין זיך נײַן מאָס רייד, מע רעדט טאָך-זאַכן, איז זי דאָ מיט איר מילכיקן באָרשט!"... רופט זיך אָן צו מיר גאָלדע: „דער מילכיקער באָרשט, זאָגט זי, איז עפּשער אַזאַ טאָך-זאַך, ווי אַלע דײַנע טאָך-זאַכן"... „מאַזל-טאָוו! האָט איר אײַך, זאָג איך, אַ נײַעם פילאָזאָף, גלײַך פון אונטערן אויוון אַרויס! קאָרג זאָג איך, וואָס די טעכטער זענען געוואָרן

אויפֿגעקלערטע קעפּ, האָט שוין טעוויעס ווײַב אויך אָנגעהויבן פֿליִען דורכן קוימען אין הימל אַרײַן!"... „אַז ס'איז יאָ, זאָגט זי, געקומען צו רייד הימל, טאָ ליג שוין אין דער ערד!"... ווי געפֿעלט אײַך אַ שטייגער אַזאַ מין בֿאָרעך האַבאָ אויפֿן ניכטערן האַרצן?...

בקיצור, לאָמיר, ווי זאָגט איר, איבערלאָזן דעם בען־מעלעך און זיך נעמען צו דער באַס־מאַלקע, איך מיין דעם גאַלעך. איינמאָל פֿאַרנאַכט פֿאָר איך מיר אַהיים מיט די ליידיקע קריגלעך און האַלט שוין בײַם אַרײַנפֿאָרן אין דאָרף אַרײַן, באַגעגן איך אים פֿאָרן מיט זײַן אײַזערנער געקאָוועטער בריטשקע, טרײַבט אָן אַליין מיט זײַן קאָוועד די פֿערדלעך, און די צעקעמטע באָרד זײַנע איז צעשמיסן פֿונעם ווינט. „צו דײַן קאָפּ, טראַכט איך מיר, אַ שיין באַגעגעניש!"... „אַ גוטן אָוונט! מאַכט ער צו מיר. — האָסט מיך נישט דערקענט, זאָגט ער, צו וואָס?" „וועסט גיך רײַך ווערן", זאָג איך צו אים און נעם אַראָפּ דאָס היטל און וויל פֿאָרן ווײַטער. מאַכט ער צו מיר: „שטיי אַ ווײַלע, טעוועל, וואָס האָסטו קיין צײַט נישט? איך דאַרף דיר עפּעס זאָגן אַ צוויי ווערטער". „אָך, זאָג איך, אַבי נאָר עפּעס גוטס, איז מײַכעטייסע, און אויב נישט, מעג דאָס, זאָג איך, בלײַבן אויף אַן אַנדערש מאָל"... „וואָס הייסט, זאָגט ער, בײַ דיר אַן אַנדערש מאָל?"... „ אַן אַנדערש מאָל, זאָג איך, הייסט בײַ מיר, ביז מאָשיִעך וועט קומען"... „מאָשיִעך, מאַכט ער צו מיר, איז דאָך שוין געקומען"... „דאָס האָב איך שוין געהערט, זאָג איך, פֿון דיר נישט איין מאָל; דו זאָג מיר נאָר, פּאָטערל, עפּעס נײַעס"... „אָט דאָס, זאָגט ער, מיין איך טאַקע דיר זאָגן; איך וויל מיט דיר שמועסן, זאָגט ער, טאַקע פֿון דיר אַליין, דאָס הייסט, פֿון דײַן טאָכטער"... דאָ האָט מיר באַלד אַ טיאָכקע געטון דאָס האַרץ: וואָס פֿאַר אַ מעכוטן איז ער מיט מײַן טאָכטער? און איך רוף מיך אָן צו אים: „מײַנע טעכטער, זאָג איך, זענען כאָלילע נישט אַזעלכע, וואָס מע זאָל דאַרפֿן פֿאַר זיי רעדן; זיי קאָנען שוין, זאָג איך, אַליין באַשטיין זייער שטעטל"... „דאָס איז אָבער, מאַכט ער, אַזאַ מין איניִען, וואָס זי אַליין קאָן נישט רעדן, עס מוז רעדן אַן אַנדערער, מאַכמעס דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ טאָך־זאַך, זאָגט ער, טאַקע וועגן איר

טאַכליס״... „ווענען גייט עס אָן, זאָג איך, דער טאַכליס פון מײַן קינד? מיר דאַכט זיך, זאָג איך, אַז ווי באַלד מע שמועסט פון טאַכליס, בין איך מײַן קינד אַ פּאָטער ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, צי ניין?״... „עמעס, זאָגט ער, די ביסט דײַן קינד אַ פּאָטער; דו ביסט אָבער, זאָגט ער, אויף דײַן קינד אַ בלינדער. דײַן קינד, זאָגט ער, רײַסט זיך אין אַן אַנדער וועלט אַרײַן, און דו פאַרשטייסט זי נישט, אָדער דו ווילסט זי נישט פאַרשטיין״... „אויב איך פאַרשטיי זי נישט, זאָג איך, אָדער איך וויל זי נישט פאַרשטיין — דאָס איז אַן אַנדער זאַך; וועגן דעם, זאָג איך, קאָנען מיר אַביסל שמועסן; נאָר וואָס קער זיך דאָס אָן, פּאָטערל, מיט דיר?״... „עס קער זיך, זאָגט ער, מיט מיר אָן זייער שטאַרק, זאָגט ער, ווײַל זי איז איצטער אין מײַן רעשוס״... „וואָס הייסט, זאָג איך, זי איז אין דײַן רעשוס?״ „דאָס הייסט, זי איז איצטער אונטער מײַן האַשגאָכע״, מאַכט ער און קוקט מיר גלײַך אין די אויגן אַרײַן און צעקעמט זיך די שיינע צעלאָזטע באָרד. טו איך מיסטאָמע אַ שפּרונג אונטער: „ווער? מײַן קינד אונטער דײַן האַשגאָכע? מיט וואָס פאַר אַ רעכט?״— זאָג איך און פיל, אַז איך הייב אָן אַרײַן אין קאַס. מאַכט ער צו מיר גאַנץ קאַלטבלוטיק מיט אַ שמייכעלע: „נאָר נישט גע-היצט זיך, טעווע! פּאַוואָליע וועלן מיר, זאָגט ער, די זאַך זיך איבערלייגן. דו ווייסט, זאָגט ער, אַז איך האַלט פון יידן, און עס טוט מיר ווי דאָס האַרץ אויף זיי פאַר זייער אַקשאָנעס, וואָס זיי האָבן זיך אײַנגעשפּאַרט און ווילן נישט פאַרשטיין, אַז מע מיינט דאָס פאַר זייער טויווע וועגן״... „פון טויוועס, זאָג איך, זאָלסטו מיט מיר, פּאָטערל, איצטער נישט רעדן, מאַכמעס איטלעכעס וואָרט, וואָס איך הער פון דיר אַצינד, איז פאַר מיר אַ טראָפּן סאַם-האַמאָוועס, זאָג איך, אַ פּיסטויל אין האַרץ אַרײַן. אויב דו ביסט מיר אַזאַ גוטער פרײַנד, ווי דו זאָגסט, וועל איך פון דיר בעטן נאָר איין טויווע: מײַן טאָכטער זאָלסטו לאָזן צורו״... „ביסט אַ נאַרישער מענטש, מאַכט ער צו מיר, עס וועט דײַן טאָכטער כאָלילע קיין שלעכטס נישט געשען; עס שטייט איר איצטער פאַר אַ גליק, זאָגט ער; זי נעמט, זאָגט ער, אַ כאָסן — אויף מיר אַזאַ יאָר״... „אָמיין! — זאָג איך

קלוימערשט מיט אַ געלעכטערל, און אין האַרצן ברענט אַ געהענעם! — „ווער איז ער, לעמאָשל, דער כאָסן, זאָג איך, אויב איך בין זויכע, זאָג איך, צו וויסן?"... „דו דאַרפּסט אים קענען, זאָגט ער, ער איז זייער אַ בראַווער, אַן אָרנטלעך מענטשל, און גאַנץ פּיַין געבילדעט, אַפּילע פון זיך אַליין, און איז פּאַרקאָכט אין דיַין טאָכטער, און וויל מיט איר כאַסענע האָבן און קאָן גישט, וויַיל ער איז נישט קיין ייִד"... „כוועדקע!"... — טראַכט איך מיר און עס טוט מיר אַ זעץ אין קאָפּ אַריַין אַ מאָדנע היץ, און עס באַשלאָגט מיך אַ קאַלטער שווייס, קוים וואָס איך זיץ איַין אויפן וועגעלע. נאָר אַרויסבאַוויַיזן דאָס פּאַר אים — נישט דערלעבן וועט ער דאָס! און איך נעם דאָס פּערדל פּאַר די לייצעס, טו דאָס אַ שמיצל פון אונטן אַרויף, און הלך משה מרדכי — פּאַשאָל אָן אַ זיַי־געזונט אַהיים... איך קום צו פּאָרן אַהיים, אַי־אַי־אַי, אַן איבערקערעניש! די קינדער ליגן מיט די פּענעמער אין די קישנס און וויינען, מיַין גאָלדע איז מער אויף יענער וועלט איידער אויף דער וועלט... איך זוך כאַווען, ווו איז כאַוועע? — נישטאָ כאַוועע!... פּרעגן ווו איז כאַוועע, וויל איך נישט, איך פּאַרשפּאָר שוין פּרעגן, אַז אָך און וויי איז צו מיר! און עס ברענט אין מיר אַ פּיַיער׳ איך ווייס נישט אויף וועמען... איך וואָלט עפּעס גאָר גענומען און זיך אַליין אויסגעפּאַטשט... און איך צעשריַי מיך אויף די קינדער און לאָז אויס מיַין ביטער האַרץ צום וויַיב. איך קאָן מיר קיין אָרט נישט געפינען. גיי איך אַרויס אין שטאַל צום פערד, דעם געבן עסן, און טרעף דאָס שטיין אַריבערגעפּוצעוועט מיט איין פוס אויף יענער זיַיט קלאָץ. כאַפּ איך אַ שטעקן און הייב דעם אָן איַינטיילן, שיילן די פעל, ברעכן די ביינער.

באַטראַכט איך מיך אָבער באַלד, אַז ס׳איז אַ צאַר־באַלעכאַיִם, גאָט די נעשאָמע שולדיק, וואָס האָב איך צו דעם? און איך שיט דעם אונטער אַביסל געהאַקטע שטרוי און זאָג דעם צו, מירצעשעם שאַבעס וויַיזן אַ היי אין סידער, און קום אַריַין צוריק אין שטוב אַריַין, באַגראָב זיך און ליג אין געהאַקטע ווונדן, און דער קאָפּ — דער קאָפּ ווערט מיר שיִער

צעשפּרונגען, טראַכטנדיק און קלערנדיק און לערנענדיק דעם פּשאַט: וואָס זאָל דאָס באַדײַטן? מיט וואָס האָב איך, טעוויע, פאַרזינדיקט מער פון דער גאַנצער וועלט, וואָס מע באַשטראָפט מיך מער פון אַלע ייִדן? אוי, ריבוינע שעל אוילעם, ריבוינע שעל אוילעם! ווער בין איך אַזוינס, וואָס דו טראָגסט מיך אויפן קאָפּ קעסיידער, האָסט מיך אין זינען און לאָזט נישט אויס ווי ערגעץ אַ שלאַק, אַ צאָרע, אַן אָנשיקעניש? !״...

קוים דערלעבט דעם ערשטן קריי פונעם האָן, הייב איך מיך אויף, דאַוון אָפּ, נעם מיט זיך די בײַטש און לאָז מיך אַוועק מיסטאָמע גלײַך צום גאַלעך אין הויף אַרײַן. וווהין דען האָב איך געזאָלט גיין? אין דער ערד אַרײַן?...

בקיצער, געקומען צו אים אין הויף אַרײַן, באַגעגענען מיך די קלאָווים זײַנע מיט אַ שיינעם גוט־מאָרגן און ווילן מיר צורעכט מאַכן די קאַפּאָטע און פאַרזוכן די ליטקע פון מײַנע ייִדישע פיס, צי זיי זענען עפּעס גוט פאַר זייערע הינטישע ציין... אַ גליק וואָס כ׳האָב מיטגענומען די בײַטש. אויף זייער געשריי מיט מײַן געפילדער איז אַרויסגעלאָפן דער גאַלעך מיט דער גאַלעכטע, קוים צעטריבן די פריילעכע כאַליאַסטרע און אַרײַנגערופן מיך אין שטוב אַרײַן, מיך אויפגענומען פאַר זייער אַ שיינעם גאַסט, געוואָלט שטעלן פון מײַנעטוועגן דעם סאַמאָוואַר. זאָג איך, אַז דער סאַמאָוואַר איז לאַוו דאַפקע. איך האָב מיט אים עפּעס צו רעדן, זאָג איך, אונטער פיר אויגן. האָט זיך דער קוימער אָנגעשטויסן, וואָס איך מיין, האָט אַ ווונק געטון צו זײַן פּלויניסטע, זי זאָל מוֹיכל זײַן צומאַכן די טיר פון יענער זײַט — און איך בין צוגעטרעטן צום איניען גלײַך, אָן שום האַקדאָמעס, ער זאָל מיר זאָגן קוידעם, צי גלייבט ער אין גאָט?... און נאָכדעם זאָל ער מיר זאָגן, אויב ער פילט דעם טאַם, וואָס הייסט צעשיידן אַ טאַטן מיט אַ קינד, וואָס מען האָט דאָס ליב?... און ווידער זאָל ער מיר זאָגן, וועלכעס הייסט נאָך זײַן סייכל אַ מיצווע און וועלכעס הייסט אַן אַוויירע?... און נאָך אַ זאַך וואָלט איך וועלן, ער זאָל מיר קלאָר מאַכן: וואָס פאַר אַ פּאָנעם האָט בײַ אים אַ מענטש, וואָס כאַפּט זיך אַרײַן צו יענעם אין שטוב אַרײַן און וויל מאַכן אַן איבערקערעניש,

איבערשטעלן די בענקלעך, מיט די בעטן?...

אַוואַדע בלײַבט ער זיצן געפּלעפט און מאַכט צו מיר: „טעוועל, זאָגט ער, ביסט אַ קלוגער מענטש, זאָגט ער, און נעמסט און שטעלסט אַוועק, זאָגט ער, מיטאַמאָל אַזוי פיל שײַלעס און ווילסט, זאָגט ער, איך זאָל דיר ענטפערן אין איין קלאַפּ? האָב צײַט, זאָגט ער, איך וועל דיר ענטפערן אַל רישן רישן וועאַל אַכרן אַכרן"... „ניין, זאָג איך צו אים, דו וועסט מיר, פּאַטערל געטרײַער, נישט ענטפערן דערויף קיינמאָל נישט. ווייסטו פאַרוואָס? ווײַל אַלע דײַנע מאַכשאָוועס ווייס איך פון פריִער. דו ענטפער מיר, זאָג איך, בעסער דערויף: איך האָב נאָך אַ האָפענונג צו זען מײַן קינד צוריק אָדער ניין?"... כאַפּט ער זיך אויף: „וואָס הייסט — צוריק? דײַן טאָכטער וועט כאַלילע גאָרנישט געשען, אַדעראַבע!"... „איך ווייס, זאָג איך, איך ווייס, איר ווילט זי מאַכן גליקלעך! איך רעד נישט פון דעם, זאָג איך; איך וויל וויסן, ווו איז ערגעץ מײַן קינד, און צי קאָן איך זיך מיט איר זען?"... „אַלצדינג יאָ, מאַכט ער צו מיר, נאָר דאָס נישט"... „אָט אַזוי זשע רעד, זאָג איך, קורצע דיבורים! זײַ געזונט, זאָג איך, און לאָז דיר גאָט באַצאָלן, זאָג איך, בעקייפל קיפלאַיִם!"...

און איך קום צו גיין אַהיים און טרעף מײַן גאָלדע ליגט צעבויפגעקוטשעבורעט ווי אַ שוואַרצער קנויל אין בעט און האָט שוין מער קיין טרערן נישט אין די אויגן. רוף איך מיך אָן צו איר: „שטיי אויף, מײַן ווײַב, טו אויס, זאָג איך, די שיך, און לאָמיר זיך אַוועקזעצן שיווע, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן. מיר זענען נישט די ערשטע, מיר זענען נישט די לעצטע. עלעהיי לאָז זיך אונדז אויסדאַכטן, זאָג איך, אַז מיר האָבן קיינמאָל נישט געהאַט קיין כאַווע, אָדער לאָז זיך אונדז דאַכטן, זאָג איך, עלעהיי האָדל, וואָס איז אַוועק פון אונדז הינטער די האָריי־כוישעך, גאָט ווייסט, אויב מיר וועלן זי אַמאָל זען... גאָט, זאָג איך, ווייסט וואָס ער טוט!"...

אַזוי רעד איך מיר אויס דאָס האַרץ און פיל, אַז די טרערן שטיקן מיך, שטייען מיר ווי אַ ביין אין האַלדז. נאָר טעוויע איז נישט קיין יידענע, טעוויע האַלט זיך אײַן! מאָלט אײַך, עס רעדט זיך נאָר אַזוי. וואָרעם ערשטנס, דער בזיאָיען!... וועהאַשייניס, ווי

קאָן איך זיך אײַנהאַלטן, אַז מען פאַרלירט לעבעדיקערהייט אַזאַ
קינד, אַזאַ בּאַרליאַנט, וואָס איז אַזוי אײַנגעבּאַקן אין האַרצן אַ
בּײַ מיר, אי בּײַ דער מוטער, קימאַט מער ווי אַלע קינדער. איך
ווייס נישט פאַרוואָס? עפשער דערפאַר, וואָס זי האָט קינדווײַז
זייער אַ סאַך געקרענקט, איבּערגעטראָגן אויף זיך קאָל האַצאָרעס
שעבּעאוילאָם; מיר זענען אַמאָל אויסגעזעסן איבּער איר גאַנצע
נעכט, עטלעכע מאָל אָפּגעשריגן, פּאָשעט אָפּגעשריגן פונעם טויט,
אָפּגעכאַפּעט, ווי מען כאַפּט אָפּ אַ קליין צעטראָטן הינ־
דעלע. און עפשער איז דאָס דערפאַר, וואָס זי איז אַ גוט קינד,
אַ געטרײַס, האָט אונדז פון טאָמיד אָן ליבּ געהאַט בּיידן דאָס
כאַיעס מיט דער נעשאָמע. אַ די קאַשע: ווי קומט דאָס, זי זאָל
אונדז אַזעלכעס טון? איז ערשטנס, אַנדזער מאַזל אַזוי. וועהאַ־
שייניס, איז דאָס אַ קליפּע, אַן אָפּגעטוענע זאַך, הערט איר, אַ
מין קישעף! איר מעגט אײַך לאַכן פון מיר, און איך זאָג אײַך,
אַז איך בּין גאָרנישט אַזאַ גראָבּער נאַר, איך זאָל גלייבּן אין
שרעטעלעך, לייצים, דאָמעוויקעס אוכדוימע אַזעלכע שטוסערײַען;
נאָר אין קישעף, זעט איר, גלייבּ איך, ווײַרעם וואָס דען איז דאָס,
אַז נישט קיין קישעף? אָט וועט איר האָרכן ווײַטער, וועט איר
אַליין אויך זאָגן דאָס אייגענע...

מיר האָבּן זיך גענומען, וואָס טויג אײַך, אַלע צו דער אַר־
בּעט, מײַן ווײַבּ אין קינדער צו די קריגלעך, איך צום פערד־און־
וועגעלע, און — די וועלט בּלײַבּט נישט שטיין. אָנגעזאָגט האָבּ
איך אין שטוב, אַז — נישטאָ כאַווע! אויסגעמעקט — און שוין!
און כ'האָבּ מיר צענויפגעשלאָגן אַבּיסל מילכיקס, פרישע סכוירע,
און האָבּ מיך געלאָזט קיין בּויבּעריק צו מײַנע קוינים.

געקומען קיין בּויבּעריק — אַ סימכע, אַ געדולע: וואָס מאַכט
אַ ייִד רעבּ טעוויע? פאַרוואָס זעט מען אײַך נישט? „וואָס זאָל
איך מאַכן? — זאָג איך — דער אייגענער שלימאַזל, וואָס פריִער;
אַ בּעהיימעלע, זאָג איך, איז בּײַ מיר געפאַלן"... „וואָס איז די
די מײַסע, זאָגן זיי, וואָס מיט אײַך טרעפן זיך אַלע ניסים?" און
דער אוילעם פרעגט מיך אויס, איטלעכער בּאַזונדער, וואָס פאַר
אַ בּעהיימעלע איז בּײַ מיר געפאַלן? וויפל האָט דאָס מיך גע־
קאָסט? און וויפל בּעהיימעלעך איז מיר נאָך געבּליבּן? און מע

לאַכט, מען איז פריילעך ווי געוויינטלעך, נעגידים מאַכן זיך לוסטיק איבער אַן צרעמאַן, אַ שלימאַזל, נאָכן עסן, אַז ס׳איז גוט אויפן האַרצן און אין דרויסן איז שיין און הייס און גרין, און עס גלוסט זיך דרימלען... טעוויע איז אָבער אַ מענטש, וואָס לאָזט זיך טרײַבן קאַטאָוועס — אַ קרענק וועט בײַ מיר יענער וויסן, וואָס בײַ מיר אויפן האַרצן טוט זיך! און אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט אַלע קוינים, לאָז איך מיך צוריק מיט די ליידיקע קריגלעך אַהיים איבערן וואַלד, לאָז אָפּ דאָס פערדל, ס׳זאָל זיך גיין פּאַוואָליע און כאַפּן ביגנייווע אַ שטשיפּל גראָז, און אַליין פאַרטיף איך מיך אין מײַנע מאַכשאָוועס און געדאַנקען, טראַכט איבער פון וואָס איר ווילט: פונעם לעבן און פונעם טויט, פון דער וועלט און פון יענער וועלט, און וואָס איז אַזעלכעס וועלט, און וואָס לעבט אַ מענטש, אוכדוימע אַזעלכע זאַכן, ביכדיי איך זאָל מיר צעשלאָגן די ראַיוינעס, דאָס הייסט, איך זאָל נישט קלערן פון איר, פון כאַווען הייסט עס. און ווי אויף צולעהאַכעס קריכט מיר אין קאָפּ אַרײַן דאַפקע זי, כאַווע הייסט עס. זי קומט מיר אַקעגן מיט איר געשטאַלט, הויך און שיין און פריש ווי אַ סאָסנע, אָדער גאָר ווי זי איז נאָך געווען אַ קליינטשיקע, אַ קראַנקעטשקע, אַ פּגירעלע, ווי אַן אויפעלע בײַ מיר אויף די הענט, דאָס קעפּל אַרויפגעוואָרפן אויף מײַנע פּלייצעס: „וואָס ווילסטו, כאַוועלע? געבן דיר אַ שטיקעלע פּאַפּע? אַביסעלע מאָני?“... און איך פאַרגעס אויף אַ ווײַל וואָס זי האָט אָפּגעטון, און עס ציט מיך צו איר דאָס האַרץ, און די נעשאָמע נאָגט, בענקט נאָך איר... נאָר דערמאָן איך מיך, און עס גייט מיר איבער דער קויעך־האַדאַם, און אַ פײַער צינדט זיך אָן בײַ מיר אין האַרצן אויף איר און אויף אים און אויף דער גאַנצער וועלט און אויף זיך אַליין, פאַרוואָס איך קאָן זי נישט פאַרגעסן אויף קיין מינוט; פאַרוואָס זאָל איך זי נישט קאָנען אויסמעקן, אַרויסרײַסן פונעם האַרצן? זי האָט דאָס דען בײַ מיר נישט פאַרדינט? דערויף טאַקע דאַרף טעוויע זײַן אַ ייִד שעבעייִד, קאָל יאָמאָוו פאַרשוואַרצט ווערן, אַקערן מיט דער נאָז די ערד, מעגאַדל זײַן קינדער, ביכדיי זיי זאָלן נאָכדעם נעמען מיט איין מאָל און אָפּרײַסן זיך מיט געוואַלט, אָפּפאַלן ווי אַ שישקע פונעם בוים און פאַרטראָגן ווערן מיטן

ווינט און מיטן רויך ?... אָט, לעמאָשל — אַזוי קלער איך מיר — וואַקסט אַ בוים, אַ דעמב אין וואַלד, קומט צו גיין אַ נעפעש מיט אַ האַק, נעמט אָפּ אַ צווײַג און נאָך אַ צווײַג און נאָך אַ צווײַג — וואָס איז דער בוים אָן די צווײַגן, מישטיינסגעזאָגט ? נעם שוין בעסער, דו בען־אָדעם, און האַק אונטער דעם בוים אינגאַנצן — און אַן עק לאָז דאָס האָבן. צוואָס זאָל סטאַרטשען אַ נאַקעטער דעמב אין וואַלד ?!...

און אַזוי ווי איך טראַכט מיר אַזוי די דאָזיקע מאַכשאָוועס, דערפיל איך פּלוצים, אַז מײַן פערדל האָט זיך אָפּגעשטעלט — סטאָפּ! וואָס איז דאָס ? איך הייב אויף די אויגן, איך טו אַ קוק — כאַווע !... די אייגענע כאַווע, וואָס פריִער, נישט געמינערט אַ האָר, אַפילע די מאַלבושים נישט איבערגעביטן !... דאָס ערשטע, וואָס קומט מיר אויף די געדאַנקען — איז אַראָפּשפּרינגען פון וואָגן און אַרומכאַפּן זי קושן... נאָר באַלד טוט מיך צוריק אַ ציִ אַ געדאַנק: „טעוויע ? וואָס ביסטו, אַ ייִדענע ?" און איך טו אַ ציִ דאָס פערדל: „וויאָ, שלימאַזל !" — און נעם מיך רעכטס. איך טו אַ קוק — מײַנע אויך רעכטס, מאַכט עפּעס צו מיר מיט דער האַנט, ווי אײַנער רעדט: „שטיי אַ ווײַלע, איך דאַרף דיר עפּעס זאָגן"... און עס טוט זיך מיר אַ ריס אָפּ אינעווייניק און אַ צופּ בײַם האַרצן, און איך לאָז אָפּ הענט און פיס ; אָט־אָט טו איך אָ שפּרונג אַראָפּ פונעם וואָגן! נאָר איך האַלט מיך אײַן, טו אַ ציִ דאָס פערדל און נעם מיך לינקס — מײַנע אויך לינקס, קוקט אויף מיר מעשונע־ווילד, דאָס פּאָנעם טויט... וואָס טוט מען ? — טראַכט איך מיר. — זאָל איך בלײַבן שטיין, צי איך זאָל פאָרן ווײַטער ? און איידער איך קוק מיך נאָך אַרום — אַהאַ, זי האַלט שוין דאָס פערד בײַם צוים און מאַכט צו מיר : „טאַטע ! זאָל איך שטאַרבן, אויב דו וועסט זיך רירן פונעם אָרט ! איך בעט דיך, הער מיך אויס פריִער, טאַטע־פאָטער !"... „ע! — טראַכט איך מיר, — ווילסט מיך נעמען מיט געוואַלט ? ניין, נעשאָמע מײַנע! ווי באַלד אַזוי, איז אַ סימען, אַז דו קענסט נישט דעם טאַטן דײַנעם"... — און דאַוואַי שמײַסן דאָס פערדל אויף וואָס די וועלט שטייט. און מײַן פערדל פאָלגט, שפּרינגט, נאָר עס דרייט צוריק דעם קאָפּ, מאַכט בעשאַס מײַסע מיט די אויערן. „וויאָ, זאָג איך צו דעם,

קוק נישט, כאָכעס מײַנער, אַהין, ווו מען דאַרף נישט״... און אַליין, מײנט איר, ווילט זיך מיר נישט אויסדרייען דעם קאָפּ צוריק און אַ קוק טון, כאָטש איין קוק טון אַהין, אויף יענעם אָרט, ווו זי איז שטיין געבליבן ?... נאָר ניין, טעוויע איז נישט קיין יידענע. טעוויע ווייסט, ווי אַזוי מען איז זיך נויעג מיטן סאָטן מעקאַטרעג...

דעם גאַנצן וועג וואָס איך פאָר ווײַזט מיר אויס, אַז זי לויפט מיר נאָכן וואָגן און שרײַט: „הער מיך אויס, טאַטע-פאָטער!״... און עס פליט מיר דורך אַ געדאַנק: „טעוויע! דו שטעלסט אויף זיך צו פיל! וואָס וועט דיך אַרן, אַז דו וועסט זיך אָפּשטעלן אויף אַ ווײַלע, אייסהערן וואָס וויל זי? עפּשער האָט זי דיר צו זאָגן אַזעלכעס, וואָס דו דאַרפסט דאָס וויסן? עפּשער, אַ קאָשע אויף אַ מײַסע, האָט זי כאַראָטע און וויל זיך אומקערן צוריק? עפּשער ליגט זי בײַ אים אין דער ערד און בעט בײַ דיר, דו זאָלסט איר העלפן אַרויס פון געהענעם?...״ עפּשער און עפּשער און נאָך אַסאַך אַזעלכע עפּשערס פליִען מיר דורך אין קאָפּ, און זי שטעלט זיך מיר פאָר אַלס אַ קינד, און איך דער-מאָן מיך אינעם פּאָסעק „כּרחם אָב על בנים״ — נישטאָ קיין שלעכט קינד בײַ אַ טאַטן, און איך פּײַניק מיך, און איך זאָג אויף זיך אַליין, אַז איך בין נישט ווערט, וואָס די ערד טראָגט מיך! וואָט? וואָס קאָכסטו, דו מעשוגענער אַקשן? וואָס טאַראַ-באַנעסטו? נעם, דו אַכזער אײנער, פאַרקערעווע דאָס וועגעלע צוריק און בעט זיך מיט איר איבער, זי איז דײַן קינד, נישט קיינעמס!... און עס קריכן מיר אין קאָפּ אַרײַן מעשונע-מאָדנע מאַכשאָוועס און געדאַנקען: וואָס איז דאָס אַזעלכעס ייִד און וואָס איז נישטייִד?... און פאַרוואָס האָט גאָט באַשאַפן ייִדן און נישט-ייִדן?... און אַז גאָט האָט שוין יאָ באַשאַפן ייִדן און נישטייִדן, פאַרוואָס זשע זאָלן זיי זײַן אַזוי אָפּגעטיילט איינס פון דאָס אַנ-דערע, נישט קאָנען אָנקוקן איינס דאָס אַנדערע, גלײַך ווי דער איז פון גאָט און יענער איז נישט פון גאָט?... און עס פאַרדריסט מיך, לעמײַ איך בין נישט אַזוי קלאָר, ווי אַנדערע, אין ספאָרים און אין ביכער, איך זאָל קאָנען געפינען דערויף עפּעס אַ רעכטן טערעץ... און ביכדיי זיך צעשלאָגן די ראַיוינעס, הייב איך אָן

אויף אַ ניגון: „אשרי יושבי ביתך עוד יהללוך סלה!“ איך דאַוון, הייסט דאָס, מיינבע אויף אַ קאָל און מיט אַ ניגון, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן. נאָר וואָס קומט אַרויס פונעם דאַוונען און פונעם זאָגן, אַז אינעווייניק אין האַרצן זינגט זיך אַן אַנדער ניגון: „כאַ-וועו! כאַ-וועו! כאַ-וועו!“... און וואָס איך זינג העכער דעם „אשרי“, זינגט זיך מיר „כאַוועו“ נאָך העכער, און וואָס מער איך וויל פאַרגעסן, אַזוי מער און אַזוי שאַרפער שטייט זי מיר פאַר די אויגן און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך הער איר קאָל, ווי זי רופט צו מיר: „הער מיך אויס, טאַטע-פאָטער!“... און איך פאַרשטעל מיר די אויערן, איך זאָל זי נישט הערן, און איך מאַך צו די אויגן, איך זאָל זי נישט זען, און איך זאָג די שמונה-עשרה און הער נישט, וואָס איך זאָג, און שלאָג זיך אָשאַמנו און ווייס נישט פאַרוואָס, און מיין לעבן איז צעררודערט, און אַליין בין איך צעררודערט. און זאָגן זאָג איך נישט קיינעם פון מיין באַגעגעניש, און רעד נישט מיט קיינעם פון איר, און פרעג זיך נישט נאָך אויף איר ביי קיינעם, כאָטש איך ווייס, איך ווייס גאַנץ גוט, ווו זי איז אין ווו ער איז און וואָס זיי טוען, נאָר אַ מאַקע וועט ביי מיר עמעצער וויסן. נישט דערלעבן וועלן דאָס מיינע סאָנים, אַז איך זאָל מיך פאַר עמעצן באַקלאָגן. אָט אַזאַ מענטש איז טעוויע!...

איך וואָלט אַ באַלן געוועזן וויסן, צי אַלע מאַנסבילן זענען אַזוי, צי נאָר איך בין אַזאַ מעשוגענער? אַשטייגער, קעדוימע לעמאָשל, אַמאָל טרעפט זיך... איר וועט נישט לאַכן פון מיר? איך האָב מוירע, איר וועט לאַכן פון מיר ... אַמאָל טרעפט זיך, איך טו מיך אָן אין דער שאַבעסדיקער קאַפאָטע און לאָז מיך צו דער באַן, און בין שוין גרייט זיך אויפזעצן פאָרן אַהין, צו זיי. איך ווייס, ווו זיי זיצן... איך גיי צו צום קאַסיר און הייס מיר געבן אַ בילעט. פרעגט ער מיך: ווהין? זאָג איך: קיין יעהופעץ... זאָגט ער: אַזאַ שטאָט איז ביי מיר נישט פאַראַן... זאָג איך: בין איך נישט שולדיק... און איך קער מיך אום צוריק אַהיים, טו אויס די שאַבעסדיקע קאַפאָטע און נעם מיך צוריק צו דער אַרבעט, צום ביסל מילכיקס און צום פערד-און-וועגעלע, ווי שטייט דאָרטן: דער שניידער צו דער שער און דער שוסטער צום וואַר-

שטאַט... איאָ, איר לאַכט פון מיר? וואָס האָב איך אײַך געזאָגט?
איך ווייס אַפילע, וואָס איר טראַכט; איר טראַכט זיך: „אָט דער
טעוויע איז טאַקע עפּעס נאָר אַ כושים!"... דערפאַר רעכן איך, אַז
ס'זאָל זײַן היינטיקס מאָל גענוג, הייסט עס... זײַט מיר געזונט און
שטאַרק און שרײַבט בריוולעך. נאָר לעמאַנעשעם נישט פאַר-
געסן, וואָס כ'האָב אײַך געבעטן: אַז ס'זאָל זײַן פּאַסעך שיין שאַ-
איך מיין, איר זאָלט נישט מאַכן דערפון קיין ביכל. און אויב עס
וועט אײַך אויסקומען שרײַבן, זאָלט איר שוין שרײַבן פון אַן
אַנדערן, נישט פון מיר; אָן מיר פאַרגעסט, ווי אין פּאָסעק שטייט:
ו י ש כ ח ה ו — אויס טעוויע דער מילכיקער!...

געשריבן אין יאָר 1906

שפּרינצע

— אײַך קומט אַ גרויסן, אַ ברייטן שאָלעם-אַלייכעם, פּאַני'ע
שאָלעם-אַלייכעם, — אַלייכעם וועאָל בענייכעם! אַ שאָק מיט יאָרן,
אַז מיר האָבן זיך נישט געזען! ווײ-ווײ, וויפל וואַסערן עס זענען
אָפּגעלאָפן! איך בין נאָך נישט אַלט קיין זעכציק, און זעט ווי
ווײַס טעוויע איז געוואָרן! ס'אַ ווערטעלע צאַר-גידל-באָנים, וואָס
מע האָט פון קינדער! און ווער האָט נאָך אַזוי פיל צאַר-גידל-
באָנים פון קינדער וויפל איך? מיך האָט געטראָפן אַ נײַער שלאָק
מיט מײַנער אַ טאָכטער שפּרינצע, וואָס גייט איבער אַלע צאָרעס,
וואָס איך האָב ווען איבערגעהאַט ביז אַהער, און זעט, פונדעסט-
וועגן גאָרנישט, מע לעבט.

גאָט האָט געוואָלט אַ טויווע טון זײַנע יידן, האָט מען אָנ-
געשיקט אויף אונדז אַן אומגליק, אַ צאָרע, אַ קאָנסטעטוציע! אַי,
אַ קאָנסטעטוציע! עס איז געקומען מיטאַמאָל אַ מעהומע אויף
אונדזערע נעגידים. איז מען זיך צונויפגעלאָפן צו אונדז קיין בוי-
בעריק פון אַדעס, און פון ראָסטאָוו, און פון קאַטערינעסלאַוו, און
פון מאָהליוו, און פון קעשענעוו אַלפּיי אַלאָפים נעגידים, געווירים

אַדירים! אַפּאָנעם, אַז דאָרט איז די „קאָנסטעטוציע” נאָך שטאַרקער ווי בײַ אונדז אין יעהופּעץ, וואָרעם מע לויפט, מע הערט נישט אויף צו לויפן. איי, די קשיא: וואָס לויפן זיי עפּעס צו אונדז? איז דער תירוץ: לעמײַ אונדזערע לויפן צו זיי? ס'איז שוין בײַ אונדז געוואָרן בערעכאַשעם, אַזאַ מינהג, אַז עס קומט די צײַט, וואָס מע הייבט אָן רעדן פון פּאָגראָמען, הייבן ייִדן אָן צו לויפן פון איין שטאָט אין דער אַנדערער, ווי אין פּאָסעק שטייט: ויסעו ויחנו, ויחנו ויסעו — איז דער טײַטש: פאַר דו צו מיר, וועל איך פאָרן צו דיר... דערווײַל איז בויבעריק, וואָס אַרט אײַך, געוואָרן אַ קראַך, אָנגעפּאַקט מיט מענטשן, ווײַבער און קינדער, און קינדער האָבן ליב פּיקן, און מילכיקס דאַרף מען, און ווו קריגט מען מילכיקס, אַז נישט בײַ טעוויען? וואָס טויג אײַך, טעוויע איז אַרײַן אין דער מאָדע. פון אַלע זײַטן: טעוויע און טעוויע! רעב טעוויע, אַהער! רעב טעוויע, צו מיר! אַז גאָט וויל, וואָס פרעגט איר?

ויהי היום, טרעפט זיך אַ מעשׂה. ערעוו שעוועס איז דאָס געווען, קום איך צו פאָרן מיט אַ ביסל מילכיקס צו איינער פון מײַנע קוינעטעס, אַ יונגע אַלמאָנע און אַ רײַכע פון קאַטערינעסלאַוו, וואָס איז געקומען צו פאָרן מיט איר זונדל, אַראָנטשיק הייסט ער, קיין בויבעריק אויפן זומער; און דאָס פאַרשטייט איר דאָך אַליין, אַז דאָס ערשטע באַקאַנטשאַפט אירס אין בויבעריק איז געווען מיטסאַמע מיט מיר.

בעקיצער, איך האָב אָנגעהויבן אַרײַנקומען צו דער קאַטערינעסלאַווער אַלמאָנע, וואָס אַרט אײַך, צוויי מאָל אין דער וואָך; אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק, פּינקטלעך ווי אַ לועך אַראָפּגעטראָגן דאָס ביסל מילכיקס, גאָרנישט אָנגעפרעגט זיך, צי מע דאַרף, צי מע דאַרף נישט, געוואָרן בײַ איר אַ היימישער מענטש, ווי געוויינלעך, אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז זי האָט מיר אַנטפּלעקט איר צאָרע, איר קרענק, איר אומגליק — אַראָנטשיק! סטײַטש, ער איז שוין אַ באָכער פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר, זאָגט זי, און ווייסט נאָר פערדלעך, נאָר לאָסיפּעדן, נאָר כאַפּן פישלעך, און ווײַטער, זאָגט זי, ווייסט ער גאָרנישט! ער וויל נישט הערן, זאָגט זי, פון געשעפט, פון געלט; ס'איז אים גע-

בליבן פון זײַן טאַטן, זאָגט זי, אַ שײנע ירושה, קימאַט אַ מיליאָן, ער זאָל דאָס אַפילע, זאָגט זי, אַרײַנשמעקן! ער װײסט נאָר אױסברענגען, זאָגט זי, אַן אָפענע האַנט בײַ אים! „װו איז ער, זאָג איך, דער באָכער? איר גיט אים נאָר, זאָג איך, אַהער צו מיר, איך װעל מיך מיט אים אַביסל, זאָג איך, דורכשמועסן, אים זאָגן אַביסל מוסער, אַ פּאָר פּסוקים, ברענגען אַ מעדרעש“... לאַכט זי: „װײס איך װאָס, זאָגט זי, איר ברענגט אים בעסער אַ פערדל, נישט קײן מעדרעש!“...

אַזױ װי מיר רעדן אַזױ, קומט אַן דער באָכער, אַראַנטשיק הײסט דאָס, אַ באָכערעץ אַ סאָסנע, אַ געזונטער יונגאַטש, בלוט און מילך, און אַ ברײטן פּאַס טראָגט ער, איך בעט איבער אײַער קאָװעד, אױף די הױזן, מיט אַ זײגערל אַרײַנגעשטעקט אָט דאָ אין גאַרטל, מיט פּאַרקאַטשעטע אַרבל אַריבער די עלנבױגנס. „װו ביסטו געװען?“ פרעגט אים די מוטער. „זיך געשיפּט מיט אַ שיפל, זאָגט ער, געכאַפּט פיש“... „אַ שײנע אַװודע, זאָג איך, פּאַר אַזאַ באָכערל װי איר; דאָרט אין דער הײם װעט מען אײַך צעטראָגן, זאָג איך, די בײנער, און איר דאָ װעט כאַפּן פישלעך!“ איך טו אַ קוק אױף מײַן אַלמאָנע — רױט װי אַ צװיק, אַלערלײ פאַרבן. זי האָט געװיס גערעכנט, אַז איר בען װעט מינעסטאָם אָננעמען מיך פאַרן קאָלנער און װעט מיר געבן צװײ פּעטש און װעט מיך אַרױסװאַרפן. בלאָטע! טעװיע האָט פּאַר אַזעלכע זאַכן קײן מורע נישט! איך, אַז איך האָב עפּעס, זאָג איך!

קאַך האַװע. מײַן באָכער, אַז ער האָט דערהערט פון מיר אַזעלכע דיבורים, איז ער נאָר אָפּגעטרעטן אַביסל, פאַרלײגט די הענט אַרונטער, מיך באַטראַכט פון סאַמע קאָפּ ביז צו די שפּיץ פיס, אַרױסגעלאָזט עפּעס אַ מאָדנעם פײַף און האָט זיך פּלוצלונג אַזױ צעלאַכט, אַז מיר בײדע האָבן מורע געהאַט, צי איז דער באָכער כאָלילע נישט מעשוגע געװאָרן אױף אַ מינוט. און װאָס זאָל איך אײַך זאָגן? מיר זענען פון דעמאָלט אָן געװאָרן מיט אים כאַװער, די בעסטע גוטע פרײַנד! איך מוז אײַך זאָגן: מיר איז דער באָכער געפעלן װאָס װײַטער אַלץ מערער; אַפילע אַ שאַרלאַטאַן, אַן אױסברענגער, און אַ האַנט שױן צו אַן אָפענע, און אַ שטיקל כושים דערצו. לעמאָשל, באַגעגענען אַן אָרעמאַן,

אַרײַנלייגן די האַנט אין קעשענע, אַרויסנעמען און אַוועקגעבן נישט געציילט. ווער טוט עס ?... אָדער אַראָפּנעמען פון זיך אַ גוטן פּאַלטאָ, אַ גאַנצן, אַ נײַעם, און אַוועקגעבן יענעם — אַז מע שמועסט אַ כּושימדיקער !... „איך וואָלט אַ באַלן געווען, זאָגט ער, זײַן בײַ אײַך אַמאָל, רעב טעוויע !״... זאָג איך צו אים : „אַז מען איז אַ באַלן זײַן בײַ טעוויען, נעמט מען, זאָג איך, און מע פּאַרט זיך דורך אַמאָל צו מיר אין כּוטאָר אַרײַן״. „ווען, זאָגט ער, וועט איר אין דער היים ?״ „כּ׳יך קאָן מען טרעפן, זאָג איך, אין דער היים נאָר שאַבעס, אָדער יאָנטעוו. שאַט, זאָג איך, ווייסט איר וואָס ? אָט האָבן מיר, מירצעשעם, איבעראַכטאָג פרײַטיק שעוועס; אויב איר ווילט, זאָג איך, מאַכן אַ שפּאַציר צו אונדז אין כּוטאָר אַרײַן, וועט אײַך מײַן ווײַב, זאָג איך, מעכאַבעד זײַן מיט מילכייקע בלינצעס אַזעלכע, אַשער לוי בלינצו אַוויסיינו בעמיצראַיִם !״ לאַכט ער און מאַכט צו מיר : „גוט, איר האָט מיך, זאָגט ער, פאַר אַ גאַסט ; איך קום, זאָגט ער, צו אײַך, רעב טעוויע, דעם ערשטן טאָג שעוועס, מיט אַ פּאָר באַקאַנטע, אויף בלינצעס, נאָר איר זאָלט זען, זיי זאָלן זײַן, זאָגט ער, הייס !״ און איך קום צו פאָרן אַהיים און רוף מיך אָן צו מײַנער : „גאָלדע, זאָג איך, מיר האָבן געסט אויף שעוועס !״ „אַוואַדע, זאָגט זי, שוין צוגעטשעפעט זיך אַ שלימאַזל פון הונגעריקן לאַנד ?״ „ביסט אַ בעהיימע, זאָג איך, גאָלדע ! ערשטנס, וואָלט נישט געווען, זאָג איך, אַזאַ אומגליק, ווען מיר זאָלן כאָלילע אָנהאָדעווען, זאָג איך, אַן אָרעמאַן מיט שעוועסדיקע בלינצעס : וועהאַשייניס, זאָג איך, זײַ וויסן, זוגאָסי האַיעקאָרע, האַצנוע וועהאַכסידע מאַראַס גאָלדע שעטיכיע, אַז איינער פון אונדזערע שעוועסדיקע געסט וועט זײַן דער אַלמאָנעס זונדל, זאָג איך, אָט דער וואָס מע רופט אים אַראָנטשיק, איך האָב דיר דערציילט פון אים״. „אויב אַזוי, זאָגט זי, איז עפּעס אַנדערש״... דער קויעך פון מיליאָנען ! אַפילע מײַן גאָלדע, אַז זי דערשמעקט געלט, ווערט זי גאָר אַן אַנדער מענטש. ס׳איז אַזאַ וועלט, וואָס זאָלט איר קלערן ?

בעקיצער, ס׳איז געקומען דער ליכטיקער גרינער יאָנטעוו שעוועס. ווי שיין, ווי גרין, ווי ליכטיק און וואַרעם בײַ מיר אין כּוטאָר איז, אַז עס קומט שעוועס, באַדאַרף איך אײַך נישט דער־

ציילן. דער גרעסטער געוויר בײַ אײַך וואָלט זיך ווינטשן האָבן אַזאַ בלויען הימל, מיט אַזאַ גרינעם וואַלד, מיט אַזעלכע שמע־קעדיקע סאָסנעס, מיט אַזאַ מעכאַיעדיקן גראָז, פּאַשע פֿאַר די בעהיימעלעך, וואָס שטייען און קײַען און קוקן אײַך אין די אויגן אַרײַן, ווי אײנער רעדט: „גיט אונדז נאָר אַלעמאָל אַזאַ גראָז, קיין מילך וועלן מיר אײַך נישט זשאַלעווען!"... ניין, זאָגט אײַך וואָס איר ווילט, גיט מיר די בעסטע פּאַרנאָסע, איך זאָל אַרויס־פֿאָרן פֿון דאָרף אין שטאָט אַרײַן, וועל איך מיך מיט אײַך נישט בײַטן. ווו האָט איר אין שטאָט אַזאַ הימל? ס'איז אַ הימל פֿון גאָט!... אין שטאָט, אַז איר פֿאַררײַסט דעם קאָפּ, וואָס זעט איר? אַ מויער, אַ דאַך, אַ קוימען, אָבער ווו האָט איר דאָרט אַזאַ בוים? און טאָמער האָט זיך פֿאַרוואַלגערט ערגעץ בײַ אײַך אַ ביימעלע, האָט איר דעם אָנגעטון פֿון אויבן אַ קאַפּאָטע!... האַקלאַל, זיי האָבן זיך גאָרנישט געקאָנט אָפּוווּנדערן, מײַנע געסט, אַז זיי זע־נען געקומען צו מיר שעוועס אין כוטאָר אַרײַן. אָנגעקומען זענען זיי, אַלע פֿיר באָכערים, רײַטנדיק אויף פֿערדלעך, סוסים איינס און איינס! און ווער שמועסט אַראָנטשיק — איז געזעסן אויף אַ פֿערדל, זאָג איך אײַך, אַ סוס, אַן עמעסער מערין! איר קויפֿט אים נישט פֿאַר קיין דרײַ הונדערט קאַרבן! „באָרעך האַבאָ, געסט! — זאָג איך צו זיי. — לעקאָוועד שעוועס, זאָג איך, זענט איר דאָס געקומען רײַטנדיק? נישקאָשע, זאָג איך, טעוויע איז נישט פֿון די גרויסע צאַדיקים. און אַז מע וועט אײַך, זאָג איך, מירצעשעם שמײַסן אויף יענער וועלט, וועט מיר נישט ווי טון... עי, גאָלדע! זע נאָר, עס זאָלן זײַן פֿאַרטיק די בלינצעס, און לאָז מען, זאָג איך, אַרויסטראָגן דעם טיש אַהערצו אין דרויסן אַרויס. איך האָב, זאָג איך, אין שטוב גאָרנישט וואָס צו ווײַזן פֿאַר די געסט... עי, שפּרינצע! טײַבל! ביילקע! ווו זענט איר דאָרט? רירט זיך!"... אָט אַזוי קאָמאַנדעווע איך מיט די קינדער, און עס ווערט אַרויסגעטראָגן אַ טיש מיט בענקלעך, מיט אַ טיש־טעך, מיט טעלער, לעפֿלען, גאָפּלען, זאַלץ, — און טאַקע באַלד נאָכדעם קומט אָן גאָלדע מיט די בלינצעס, הייסע, זודיקע, פֿון דער סקאָווערדע, מעכאַיעדיקע, פֿעטע! און מײַנע אָרכים קאָנען זיך גאָרנישט אָפּלויבן פֿון די בלינצעס..

„וואָס שטייסטו, זאָג איך צו גאָלדען, נעם, זאָג איך, כאַזער איבער דעם פּאָסעק נאָכאַמאָל". און מײַן גאָלדע פוילט זיך נישט, פילט אָן דעם פּאַלומעסעק נאָכאמאָל און שפּרינצע דערלאַנגט די בלינצעס צום טיש. פּלוצים, איך טו אַ קוק אויף מײַן אראַנטשיקן, איך זע, ער האָט זיך פאַרקוקט אויף מײַן שפּרינצען — ער לאָזט נישט אַראָפּ קיין אויג פון איר! וואָס האָט ער אויף איר אַזעלכעס דערזען?... „עסט, זאָג איך צו אים, פאַרוואָס עסט איר נישט?"... מאַכט ער צו מיר: „וואָס דען טו איך?" „איר קוקט, זאָג איך, אויף מײַן שפּרינצען"... ווערט אַ געלעכטער, אַלע לאַכן, און מײַן שפּרינצע לאַכט אויך. און ס'איז אַלעמען פרײלעך, אַלעמען גוט — אַ גוטער, אַ פרײלעכער שעוועס אויף אַלעמען!... גיי טרעף, אַז פון דער פרײלעכקייט וועט זיך אויסלאָזן אַ צאָרע, אַ שלאַק, אַ יעלאָלע, אַ גאָטס שטראָף אויף מײַן קאָפּ. פאַרוויסט און פאַרפינצטערט בין איך געוואָרן!... נאָר עט! אַ מענטש איז אַ נאַר! אַ מענטש אַ באַר־דאַס טאָר זיך נישט צולאָזן צום האַרצן און דאַרף פאַרשטיין, אַז אַזוי ווי עס איז, אַזוי באַדאַרף צו זײַן, וואָרעם ווען עס זאָל באַדאַרפן זײַן אַנדערש, וואָלט דאָך עס נישט געווען אַזוי ווי עס איז!

איינמאָל פאַרנאַכט קום איך צו פאָרן אַהיים אַ צעבראָכענער פונעם טאָג און אַן אויסגעמוטשעטער פונעם אַרומלויפן איבער די דאַטשעס אין בויבעריק, טרעף איך בײַ מיר אין דרויסן בײַ דער שטוב צוגעצוימט צו דער טיר אַ באַקאַנט פערד. איך וואָלט געמעגט שווערן, אַז ס'איז אַראָנטשיקס סוס, דער מערין, וואָס איך האָב אים דעמאָלט אָפּגעשאַצט אין דרײַ הונדערט קאַרבן. און איך קום אַרײַן אין שטוב און טו אַ נעם מײַן ווײַב: „זאָג מיר נאָר, גאָלדע קרוין, וואָס טוט דאָ אַראָנטשיק?" ענטפערט זי מיר: „פונוואַנען זאָל איך וויסן? ער איז דאָך פון דײַנע לײַט!" „ווו איז ער ערגעץ?" „ער איז, זאָגט זי, געגאַנגען מיט די קינדער אין וועלדל אויפן שפּאַציר"... „וואָס איז פּלוצלונג גאָר פאַר אַ שפּאַציר?" — זאָג איך צו מײַן ווײַב און הייס מיר געבן עסן. אָפּגעגעסן, באַטראַכט איך מיך: „וואָס ביסטו, טעוויע, אַזוי אויפגעטראָגן? אַז אַ מענטש קומט צו דיר צוגאַסט, באַדאַרף מען זײַן אַזוי אָנגעדרודלט?

אַדעראַבע״... און ווי איך טראַכט מיר אַזוי, איך טו אַ קוק — מײַנע מיידלעך גייען מיטן כעוורעמאַן, האַלטן אָנגעריסענע קווייטן, פריִער גייען די צוויי ייִנגערע, טײַבל און ביילקע, און הינטן — מײַן שפּרינצע מיט אַראָנטשיקן... „גוטן אָוונט!״ „גוט יאָר!״ מײַן אַראָנטשיק שטייט מיר אַזוי עפּעס מאָדנע, גלעט דאָס פערד, האַלט אַ גרעזל אין מויל און רופט זיך אָן צו מיר: „רעב טעוויע! זײַט זיך מאַטריִען, אויב איר ווילט, וועלן מיר אַביסל שפּאַצירן״. וואָס פאַר אַ שפּאַציר איז דאָס אויף אים אָנגעקומען? — טראַכט איך מיר, און לאָז מיך גיין מיט אים צום וועלדל צו. די זון האָט זיך לאַנג געזעצט, דאָס גרינע וועלדל זעט שוין אויס טונקל, די זשאַבעס פון דער גרעבליע קוואַקען און דאָס גראָז שמעקט מעכאַיענעפאָשעס! אַראָנטשיק גייט און איך גיי, ער שווײַגט און איך שווײַג. נאָכדעם שטעלט ער זיך אָפּ, טוט אַ הוסט און מאַכט צו מיר: „רעב טעוויע! ווי וואָלט איר, אַשטייגער, געזאָגט, ווען איך זאָל אײַך זאָגן, אַז איך האָב ליב אײַער שפּרינצע און אַז איך וויל זי נעמען פאַר אַ קאַלע?״ „וואָס איך וואָלט געזאָגט? — זאָג איך. — איך וואָלט געזאָגט, אַז מע זאָל אַ מעשוגענעם אויסמעקן און אײַך אַרײַנשטעלן״... קוקט ער מיך אָן און מאַכט צו מיר: „וואָס הייסט?״ זאָג איך: „אָט דאָס הייסט!״ זאָגט ער: „איך פאַרשטיי אײַך נישט״. זאָג איך: „איז אַ סימען, אַז איר זענט נישט איבעריק קלוג, ווי אין פּאָסעק, זאָג איך, שטייט: אַ קלוגען זאָגט מען אויפן ווונק, אַ נאַר גיט מען מיטן שטעקן״... מאַכט ער צו מיר ווי ברויגעזלעך: „איך רעד צו אײַך פּראָסט און איר ענטפערט מיר מיט כאָכמעס און מיט פּסוקים!״ זאָג איך: „איטלעכער כאַזן זינגט אַזוי ווי ער קאָן, און יעדער באַל־דאַרשן דאַרשנט פון זײַנעטוועגן; אויב אירווילט וויסן, וואָס פאַר אַ באַלדאַרשן איר זענט, רעדט איבער פריִער מיט אײַער מוטער, זי וועט אײַך שוין, זאָג איך, קלאָר מאַכן אַקוראַט״... „האַלט איר מיך, זאָגט ער, אַפּאָנעם, פאַר אַ ייִנגעלע וואָס דאַרף זיך אָנפרעגן בײַ דער מאַמע?״ „געוויס, זאָג איך, דאַרפט איר זיך אָנפרעגן בײַ דער מאַמע, און די מאַמע וועט אײַך געוויס זאָגן, אַז איר זענט אַ כושים, און וועט זײַן גערעכט״... „און

וועט זײַן גערעכט ?" — מאַכט ער. „געוויס, זאָג איך, וועט זי זײַן גערעכט, וואָרעם וואָס פֿאַר אַ כאָסן זענט איר, זאָג איך, פֿאַר מײַן שפּרינצען ? וואָס פֿאַר אַ גלײַכן איז מײַן שפּרינצע צו אײַך ? און דער איקער, זאָג איך, וואָס פֿאַר אַ מעכוטן בין איך מיט אײַער מוטער ?"... „אויב אַזוי, מאַכט ער צו מיר, האָט איר שוין, רעב טעוויע, אַ גרויסן טאָעס! איך בין נישט קיין יינגעלע פֿון אַכצן יאָר און זוך נישט קיין מעכוטאָנים פֿאַר מײַן מוטער. און ווייס ווער איר זענט, און ווער אײַער טאָכטער איז, און זי געפֿעלט מיר, און אַזוי וויל איך, און אַזוי וועט דאָס זײַן !"... „האָט קיין פֿאַריבל נישט, זאָג איך, וואָס איך שלאָג אײַך איבער ; איך זע, זאָג איך, אַז מיט איין צאַד זענט איר שוין פֿאַרטיק ; זענט איר, זאָג איך, באַוואָרנט אויך מיטן אַנדערן צאַד ?"... זאָגט ער צו מיר : „איך ווייס נישט וואָס איר מיינט"... זאָג איך : „איך מיין דאָס די טאָכטער מײַנע, שפּרינצען מיין איך, צי האָט איר שוין, זאָג איך, מיט איר עפּעס גערעדט, און וואָס, זאָג איך, זאָגט זי ?"... ווערט ער אַזוי ווי באַליידיקט און מאַכט צו מיר מיט אַ שמייכל: „וואָס פֿאַר אַ פֿראַגע איז דאָס ? געוויס האָב איך, זאָגט ער, מיט איר גערעדט, און נישט איין מאָל — עטלעכע מאָל. איך קום, זאָגט ער, אַהער אַלע טאָג"... איר הערט ? ער קומט אַהער אַלע טאָג און איך ווייס נישט ! „בעהיימע בעצוראַס מענטש ! באַדאַרף מען דאָך דיר געבן קײַען שטרוי, טעוויע ! אַז דו וועסט זיך לאָזן אַזוי פֿירן אין באָד אַרײַן, וועט מען דאָך דיך קויפֿן און פֿאַרקויפֿן, דו פּערדאַטש איינער !"... אַזוי טראַכט איך מיר און גיי מיט אַראָנטשיקן צוריק, און ער געזעגנט זיך אָפּ מיט מײַן כעווריע, כאַפּט זיך אַרויף אויפֿן סוס, און הלך משה מרדכי — מאַרש קיין בויבעריק...

אַצינד ווען מיר, ווי זאָגט איר דאָס אין אײַערע ביכלעך, איבערלאָזן דעם בען־מעלעך און זיך נעמען צו דער באַס־מאַלקע, צו שפּרינצען הייסט עס... איך טשאַטעווע אויס די מינוט, וואָס איך בלײַב מיט איר אַליין, און רוף מיך אָן צו איר : „שפּרינצע, זאָג מיר. וואָס איך וועל דיך פֿרעגן : קענסטו אים כאָטש, אָט דעם אַראָנטשיקן ?"... זאָגט זי : „געוויס קען איך אים"... „ווייסטו,

זאָג איך, אַז ער איז אַ סווישטשון?"... פרעגט זי מיך: „וואָס הייסט דאָס אַ סווישטשון?" זאָג איך איר: „אַ פּוסט ניסל וואָס ס'פּײַפט"... זאָגט זי: „האָסט אַ טאָעס, אַרנאָלד איז אַ גוטער מענטש"... „ער הייסט שוין, זאָג איך, בײַ דיר אַרנאָלד, נישט אַראָנטשיק דער שאַרלאַטאַן?" זאָגט זי: „אַרנאָלד איז נישט קיין שאַרלאַטאַן, אַרנאָלד האָט אַ גוט האַרץ; אַרנאָלד, זאָגט זי, געפינט זיך אין אַ שטוב פון פאַרדאָרבענע מענטשן, זאָגט זי, וואָס ווייסן נאָר געלט און געלט"... „אַזוי, זאָג איך, ביסטו שוין, שפּרינצע, אויך געוואָרן אַן אויפגעקלערטע פילאָזאָפקע און האָסט שוין אויך פײַנט געקריגן געלט?"...

בעקיצער, איך זע אַרויס פון דעם שמועס, אַז עס האַלט שוין בײַ זיי ווײַטלעך, און כאַפּן צוריק איז שוין אַביסל צו שפּעט, וואָרעם איך קען מײַנע לײַט. טעוויעס טעכטער, האָב איך אײַך געזאָגט שוין איינמאָל, נישט געדאַכט זאָלן זיי ווערן, אַז זיי קלעפּן זיך אײַן אין אַ מענטש, איז מיטן גאַנצן לעבן, מיטן כּיעס, מיט דער נעשאָמע! און איך טראַכט מיר: „שוטע! לעמײַ זאָלסטו וועלן זײַן, טעוויע, מער כאָכעם פון דער גאַנצער וועלט? עפּשער איז דאָס אַ גאָטזאַך? עפּשער איז דאָס באַשערט, אַז דאַפקע דורך אָט דער שטילינקער שפּרינצע זאָלסטו געהאָלפן ווערן, באַלוינט ווערן פאַר אַלע דײַנע קלעפּ און ווייטיקן, וואָס דו האָסט ביז אַהער איבערגעטראָגן, האָבן אַ גוטע עלטער, און אויך וויסן אַמאָל פון אַ לעבן אויף דער וועלט? עפּשער איז דיר באַשערט האָבן אַ טאָכטער אַ מיליאָנשטשיצע? וואָס איז? ס'שטייט דיר נישט אָן?... ווו שטייט דאָס געשריבן, אַז טעוויע דאַרף זײַן אייביק אַ קאַבצן, אייביק אַרומשלעפּן זיך מיטן פערדל און מיט קעז און פּוטער צוליב די יעהופּעצער גע־גידים, זיי זאָלן האָבן וואָס צו פרעסן?...

בעקיצער, עס גייט אַוועק אַ טאָג, איך קום צו פאָרן אַהיים: „געווען אַראָנטשיק?" — ניין, נישט געווען... עס גייט אַוועק נאָך אַ טאָג: „געווען דער באָכער?" — ניין, נישט געווען... איך זאָל אַרײַנגיין צו דער אַלמאָנע מיט אַן אויסרייד, פּאַסט מיר נישט; איך וויל נישט, אַז זי זאָל מיינען, אַז טעוויע שלאָגט זיך נאָכן שידעך... און אַגעוו האָב איך געפילט, אַז איר באַדאַרף עס זײַן

ווי אַ פינפטער ראָד צום וואָגן. האָגאָם איך פאַרשטיי נישט, פאַר־וואָס? באַשער איך האָב נישט קיין מיליאָן? האָב איך דאָך אײַצ־טער אַ מעכוטענעסטע אַ מיליאָנשטשיצע! און זי ווען האָט פּאַר אַ מעכוטן? — אַ ייִד אַן אָרעמאַן, אַ קאַבצן, אַ טעוויע דעם מילכיקן; היינט ווער איז מער ייִכעס, איך צי זי?...

אַזוי טראַכט איך מיר פאָרנדיק אַהיים פון בויבעריק, און קום אַהיים, גייט מיר מײַנע אַקעגן מיט אַ געדולע: „אַ שעלעך, אַן אָרל איז נאָר וואָס געווען פון בויבעריק, פון דער אַלמאָנע, זאָלסט לעמאַנעשעם באַלד קומען צו פאָרן אַהין, עס מעג זײַן אויף דער נאַכט, זאָלסטו שפּאַנען דאָס פערדל און קומען צו פאָרן, מע דאַרף דיך דאָרט זייער נייטיק האָבן!“... „וואָס האָט זיי, זאָג איך, אָנגעשפּאַרט? וואָס האָבן זיי, זאָג איך, אַזוי קיין צײַט נישט?“ און איך כאַפּ אַ קוק אויף מײַן שפּרינצען — זי שווײַגט, נאָר די אויגן אירע רעדן, אוי, רעדן זיי! קיינער פאַר־שטייט נישט איר האַרץ, אַזוי ווי איך... האָב איך אײַנגעשפּאַנט צוריק מײַן פערד־און־וועגעלע און האָב מיך געלאָזט שוין פאַר־נאַכטלעך קיין בויבעריק.

ווו איז די אַלמאָנע? נישטאָ קיין אַלמאָנע! ווו איז דער באָכער? — נישטאָ קיין באָכער! ווער־זשע האָט מיך גערופן? „איך האָב אײַך גערופן!“ — אַזוי מאַכט צו מיר אַ קײַלעכיק געפּאַקט ייִדל מיט אַן אויסגעפליקט בערדל און מיט אַ גראָבער גאָלדענער קייט אויפן בײַכל. „ווער־זשע, זאָג איך, זענט איר?“ זאָגט ער: „איך בין דער אַלמאָנעס אַ ברודער און אַראָנטשיקס אַ פעטער... מע האָט מיך, זאָגט ער, אַרויסגערופן מיט אַ דעפּעשע פון קאַטערינעסלאַוו, און איך בין נאָר וואָס געקומען צו פאָרן“... „ווי באַלד אַזוי, נאַט־זשע אײַך אַפּ שאָלעם“ — זאָג איך און זעץ מיך אַוועק. דערזען, אַז איך האָב מיך אַוועקגעזעצט, מאַכט ער צו מיר: „זיצט“. זאָג איך: „אַ דאַנק, איך זיץ שוין. וואָס־זשע מאַכט איר, זאָג איך, ווי אַזוי איז בײַ אײַך, זאָג איך, די קאָסנעטוציע?“ ענטפערט ער מיר דערויף גאָרנישט נישט, צע־לייגט זיך אויף אַ ווייגשטול, די הענט אין די קעשענעס, שטעלט אַרויס די גאָלדענע קייט מיטן בײַכל און מאַכט צו מיר בעזע האַלאָשן: „הערט אויס, מאַכט ער צו מיר, רעב טעוויע, וואָס איך

וועל איַך זאָגן. וואָס טויג אונדז לאַנגע דיבורים? לאָמיר, זאָגט ער, גיין גלייַך צום איניען, געשעפֿט הייסט עס"... איך וויל, איר זאָלט מיר זאָגן, אָבער אָפֿן געשמועסט, וויפֿל וועט דאָס אונדז קאָסטן אַרום און אַרום?... אָבער אָפֿן געשמועסט!"... „אויב, זאָג איך, אָפֿן געשמועסט, ווייס איך נישט, וואָס איר רעדט"... „רעב טעוויע! — מאַכט ער צו מיר נאָכאַמאָל און וויל נישט אַרויסנעמען די הענט פֿון די קעשענעס. — איך פֿרעג איַך, זאָגט ער, וויפֿל וועט אונדז קאָסטן אַרום און אַרום די כאַסענע?" „עס ווענדט זיך, זאָג איך, וואָס פֿאַר אַ כאַסענע איר מיינט? אויב איר מיינט אַ גרויסאַרטיקע כאַסענע, ווי איַך שטייט צו, בין איך, זאָג איך, נישט אימשטאַנד"... שטעלט ער אָן אויף מיר אַ פּאָר אייגאַפּל און מאַכט צו מיר אַזוי: „אָדער איר מאַכט זיך טאַמעוואַטע, אָדער איר זענט טאַקע אַ טאַם... כאָטש אַפּילע, זאָגט ער, איר זעט נישט אויס ווי אַ טאַם, וואָרעם איר זאָלט זיַין, זאָגט ער, אַ טאַם, וואָלט איר נישט אַריַינגעשלעפּט, זאָגט ער, מיַין פּלימעניק אין אַ בלאָטע, אים פֿאַרבעטן צו זיך קלוימערשט אויף שעוועסדיקע בלינצעס, אים אונטערגעשטעלט דאָרט אַ שיין מיידל, צי יאָ אַ טאָכטער, צי נישט קיין טאָכטער, איך גיי נישט אַריַין, זאָגט ער, אַזוי וויַיט, און זי האָט זיך אים פֿאַרליובעט, זאָגט ער, דאָס הייסט, זי איז אים געפֿעלן, נו, און ער איר אוואַדע, פֿון דעם, זאָגט ער, רעדט מען נישט. איך וועל איַך נישט זאָגן, זאָגט ער, עס קאָן זיַין, זי איז אַן אָרנטלעך קינד און מיינט דאָס נעבעך ערנסט, איך גיי נישט אַזוי וויַיט... איר טאָרט אָבער נישט פֿאַרגעסן, זאָגט ער, ווער א י ר זענט און ווער מ י ר זענען? איר זענט דאָך, זאָגט ער, אַ ייִד אַ בער־דאָס, ווי קאָנט איר, זאָגט ער, גאָר דערלאָזן אַזעלכעס, אַז טעוויע דער מילכיקער, וואָס פֿירט אונדז קעז און פּוטער, זאָל ער זיַין אונדזער מעכוטן?... איַ, זיי האָבן זיך, זאָגט ער, געגעבן איינס דאָס אַנדערע דאָס וואָרט? וועלן זיי דאָס נעמען צוריק! קיין גרויס אומגליק, זאָגט ער, שטייט נישט דערביַי. טאָמער דאַרף עפּעס קאָסטן, זאָגט ער, זי זאָל אים אַרויסלאָזן פֿון וואָרט, מייכעטייסע, מיר האָבן, זאָגט ער, גאָרנישט קעגן דעם". און ער הערט נישט אויף צו רעדן איבער מיַין קאָפּ: איך זאָל נאָר נישט דענקען, זאָגט

ער, טאמער וועט מיר געראטן מאכן א סקאנדאל, אויספויקן אומעטום, אז זיין פלימעניק, זאגט ער, האט זיך געשאדכנט צו טעוויע דעם מילכיקנס טאכטער... און איך זאל זיך ארויסשלאגן פונעם קאפ, זאגט ער, אז זיין שוועסטער איז א מענטש, וואס קאטארי מען קאן פון איר פאמפען געלט... מיט גוטן, זאגט ער, מייכעטייסע, קאן מען, זאגט ער, נעמען ביי איר עטלעכע קערבלעך; עלעהיי, זאגט ער, א נעדאווע... מען איז דאך, זאגט ער, מענטשן, וואס קאטארי, מע דארף אמאל אויסהעלפן א מענטש...

בעקיצער, איר ווילט וויסן, וואס איך האב אים געענטפערט? איך האב אים, אז אך און וויי איז מיר, גארנישט געענטפערט. עס האט מיר ווי אפגענומען דאס לאשן! איך האב זיך אויפגעהויבן, זיך אויסגעדרייט מיטן פאנעם צו דער טיר — און נישטא מיך!... ווי פון א סרייפע האב איך מיך ארויסגעכאפט, ווי פון א טורמע!... עס האט מיר געזשומעט אין קאפ, געשעמערירט אין די אויגן און געטורקעט אין די אויערן די ווערטער פון דעם ייד: „עלעהיי א נעדאווע"... און בין צוגעגאנגען צו מיין פערד־און־וועגעלע, אריינגעלייגט דאס פאנעם אין ברישטשקע אריין און — איר וועט נישט לאכן פון מיר? — אז איך האב מיך צעוויינט, האב איך געוויינט און געוויינט! איך קום צו פארן אהיים, טרעף איך מיין כאליאסטרע, קיין איינעהארע, פריילעך. מען עסט וועטשערע, נאר איין שפרינצע איז נישטא. „ווו איז שפרינצע" — פרעג איך. „וואס הערט זיך, זאגן זיי מיר, וואס האט מען דיך גערופן?" זאג איך נאכאמאל: „ווו איז שפרינצע?"... ענטפערן זיי מיר נאכאמאל: „וואס הערט זיך?"... זאג איך: „גארנישט. וואס זאל זיך הערן? ס'איז דאנקען גאט, שטיל. פון פאגראמען הערט מען נישט"... ביי די ווערטער קומט אן שפרינצע, טוט מיר א קוק אין די אויגן אריין, זעצט זיך אוועק צום טיש, גלייך ווי נישט זי מיינט מען, נישט פון איר רעדט מען... אויפן פאנעם ביי איר קאן מען נישט דערקענען גארנישט, נאר דאס שטילקייט אירס איז שוין צופיל, כויץ לעדערעך האטעווע... איך קוק אויף איר און עס פארקלעמט מיר דאס הארץ, און עס ברענט אין מיר א פייער — אויף וועמען ווייס איך נישט... אך טי, ריבוינע שעל

אוילעם, אלהינו נאַש! פֿאַרוואָס שטראָפֿסטו מיך אַזוי, פֿאַר וועמענס זינד?!

איינמאָל פֿאַרנאַכט פֿאָר איך אַהיים פֿון בויבעריק מיט אַ גוט האַרץ: באַרעכנט נאָר דעם פֿאַרדראָס, דעם ביזאָיען; הײַנט דעם ראַכמאָנעס פֿון קינד!... וואָס דאָס קינד נעבעך האָט איבערגעטראָגן — דאָס האָט נישט געוווסט קיין בען-אָדעם, אַכוץ מיר, וואָרעם איך בין אַ טאַטע, אַ טאַטנס האַרץ פֿילט... שטיל, אין זיך אײַנגעגאַנגען, געזעגנט ווי אַ ליכט! האַקלאַל, פֿאָר איך מיר אַזוי מיט מײַן פֿערדל אַהיים, פֿאַרטיפֿט אין טרויעריקע מאַכשאָוועס און געדאַנקען, פֿרעג קאַשעס בײַם ריבוינע שעל אוילעם און ענטפֿער מיר אַליין. און עס אַרט מיך שוין נישט אַזוי אויף גאָט — מיט גאָט האָב איך מיך שוין ווי עס איז איבערגעבעטן; מיך אַרט אויף מענטשן: לעמײַ זאָלן מענטשן זײַן אַזוי שלעכט, אַז זיי קאָנען זײַן גוט? פֿאַרוואָס זאָלן מענטשן פֿאַרביטערן דאָס לעבן אי יענעם, אי זיך, אַז זיי קענען לעבן זיס און גליקלעך? מיט אַזעלכע געדאַנקען פֿאָר איך אַרײַן צו מיר אין כוטאָר אַרײַן, און דערזע פֿונדערווײַטן, בײַ דער גרעבליע איז איין אָנגעלויף פֿון מענטשן, גויים, גויעס, שיקסעס, שקאָצים און קליינע שקאָצימלעך אָן אַ שיִער. וואָס קען דאָס זײַן? קיין טרייפֿע נישט, מיסטאָמע אַ דערטרונקענער — עמעצער האָט זיך געבאָדן בײַ דער גרעבליע און געפֿונען דעם טויט. פּלוצלונג זע איך, מײַן גאָלדע לויפֿט, די שאַל צעלאָזט, די הענט אַרויסגעשטעלט אויף צופֿריִער, און פֿאַר איר מײַנע קינדער, טײַבל און ביילקע, און אַלע דרײַ מיט אַ געשריי, מיט אַ יעלאָלע, מיט אַ יאָמער: „טאָכטער! שוועסטער! שפּרינצע!!”... אַראָפּגעשפּרונגען פֿון דעם וואָגן, ווייס איך נישט, ווי אַזוי איך בין נישט צעשפּרונגען געוואָרן, און אַז איך בין צוגעלאָפֿן צום טײַך, איז שוין געווען נאָך אַלע האַיעמס...— — — — — — — — — — — —

— — וואָס האָב איך אײַך געוואָלט פֿרעגן?... יאָ! האָט איר געזען ווען אַ דערטרונקענעם? קיינמאָל נישט?... אַ מענטש, אַז ער שטאַרבט, שטאַרבט ער מייסטנטייל מיט צוגעמאַכטע אויגן... בײַ אַ דערטרונקענעם זענען די אויגן אָפֿן — ווייסט איר נישט דעם סייכל, פֿאַרוואָס דאָס איז?...

געשריבן אין יאָר 1907

טעוויע פאָרט קיין ערעץ-יסראָעל

סקאָצל קומט! וואָס מאַכט אַ ייִד, רעב שאָלעם אַלייכעם! אָט אַ גאַסט! אַפילע נישט געכאָלעמט זיך! נאַט-זשע אײַך אָפּ שאָלעם אַלייכעם. איר קוקט מיך אָן, פּאַניע, גלײַך ווי איר וואָלט מיך נישט דערקענט? דאָס בין איך אײַער אַלטער פרײַנד טעוויע. קוקט נישט, וואָס אַ ייִד גייט אין אַ נײַער קאַפּאָטע. דאָס איז דער אייגענער שלימאַזל טעוויע, וואָס אַמאָל, נישט געמינערט אַ האָר; נישטמער, מע טוט זיך אָן שאַבעסדיק, זעט מען אויס אַביסל דאָסיקער, מײַסטע נאָגיד, וואָרעם, אַז מע פאָרט אַרויס צווישן מענטשן, קאָן מען אַנדערש נישט, אוביפראַט, אַז מע פאָרט אַזאַ ווײַטע נעסיִע, קיין ערעץ-יִסראָעל, אַ קלייניקײַט? איר קוקט מיך אָן און טראַכט זיך, ווי קומט דאָס אַזאַ קליין מענטשעלע, ווי טעוויע, וואָס האָט קאָל-יאָמאָו געהאַנדלט מיט מילכיקס, זאָל נאָר האָבן אַזאַ האַסאָגע, וואָס קען זיך פאַרגינען אויף דער עלטער סײַרן אַזאַ מין בראָצקי? גלייבט מיר, פּאַניע שאָלעם-אַלייכעם, דער פּאָסעק איז רעכט אַרום און אַרום. רוקט נאָר אַוועק, זײַט מויכל, אײַער טשעמאָדאַנטשיקל אַ ביסל אַהין, וועל איך מיך אַוועקזעצן אַקעגן אײַך און וועל אײַך דערציילן אַ מײַסע, וועט איר האָרכן, וואָס גאָט קאָן.

בעקיצער, איך מוז אײַך זאָגן קוידעם-קאָל-האַקוידעמס, אַז איך בין געבליבן, נישט פאַר אײַך געדאַכט, אַן אַלמען — גע-שטאָרבן גאָלדע מײַנע, אָלעוו-האַשאָלעם. געווען אַ ייִדענע אַ פּראָסטע, אָן כאָכמעס, אָן אויבערקעפּלעך, נאָר אַ גרויסע צע-דייקעס. לאָז זי זיך מיִען דאָרט פאַר אירע קינדער, זי איז געוויס אויסגעשטאַנען צוליב זיי, און טאַקע עפּשער איבער זיי געגאַנגען פון דער וועלט, נישט געקאָנט אַריבערטראָגן, וואָס זיי זענען זיך צעקראָכן איינער קיין ליסי, דער אַנדערער קיין סטריסי. „מישטיינסגעזאָגט, זאָגט זי, וואָס איז מײַן וועלט, זאָגט זי, אַז וויבאַלד, זאָגט זי, נישט קיין קינד און נישט קיין רינד?”.

בעקיצער, איך האָב איר געדונגען אַ קאַדיש, גאָלדען אָלעוו האַשאָלעם, באַצאָלט פאַר אַ גאַנץ יאָר פריִער. אַ ברייִרע האָב איך געהאַט, אַז גאָט האָט מיך געשטראָפט, נישט געגעבן מיר קיין זכאָרים, נאָר נעקייוועס, נאָר טעכטער און טעכטער, קיין

גוטער ייִד זאָל זיי נישט קענען! איך ווייס נישט צי אַלע ייִדן ווערן אַזוי פאַרשוואַרצט מיט זייערע טעכטער, צי נאָר איך בין אַזאַ פינצטערער שלימזל, וואָס איך האָב צו זיי קיין גליק נישט? דאָס הייסט, צו די טעכטער אַליין האָב איך גאָרנישט. און גליק איז בײַ גאָט — וואָס זיי ווינטשעווען מיר, מעג עס מיר אָנקומען כאָטש האַלב. אַדרעבע, זיי זענען שוין צו געטרײַ, און וואָס „צו" איז איבעריק. אָט נעמט, לעמאָשל, די מיזינקע מײַנע, ביילקע רופט מען זי. וואָס ווייסט איר, וואָס דאָס איז פאַר אַ קינד? איר קאָנט דאָך מיך, באַרעכהאַשעם. ווי זאָגט איר, פון אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך און ווייסט, אַז איך בין נישט דער טאַטע, וואָס קאַטאָ-י זאָל זיך אָנעקוועצן אָפּלויבן זײַנע קינדער גלאַט אַזוי אין טאָג אַרײַן. נאָר אַז ס'איז געקומען צו רייד פון מײַן ביילקען, מוז איך אײַך זאָגן נישט מער, ווי שלשה דברים — צוויי ווערטער: זינט גאָט האַנדלט מיט ביילקעס, האָט ער נאָך אַזאַ ביילקע נישט באַשאַפן. מיילע פון שיינקייט שמועסט מען נישט. טעוויעס טעכטער, ווייסט איר אַליין, האָבן אַ שעם אויף דער וועלט פאַר די שענסטע קראַסאַוויצעס. נאָר זי, ביילקע הייסט עס, וועט זיי אַלע פאַרשטעקן אין גאַרטל. פון טאָמיד אָן בין איך בײַ איר געווען דאָס אויבערשטע פון דער מילך, נאָר פון זינט מײַן גאָלדע עלעוו-האַשאָלעם איז, איר צו לענגערע יאָר, ניפטער געוואָרן, איז דער טאַטע געוואָרן בײַ איר — דאָס שוואַרצאַפּל פונעם אויג! קיין שטויב נישט דערלאָזן זאָל אויף מיר פאַלן. איך האָב שוין געזאָגט צו זיך אַליין: דער ריבוינע שעל אוילעם שיקט צו די רעפועס פאַר דער מאַקע. נישטמער, ס'איז שווער צו וויסן, וועלכעס איז ערגער: די רעפועס, אָדער די מאַקע? גיי זײַ אַ נאָווי און טרעף, אַז ביילקע וועט צוליב מיר נעמען און פאַרקויפן זיך פאַר געלט און אָפּשיקן דעם טאַטן אויף די עלטערע יאָרן קיין ערעץ-ייִסראָעל!

בעקיצער, איך וועל אײַך לאַנג נישט האַלטן. ס'איז אַוועקגעגאַנגען אַ יאָר און אַ יאָר, מײַן ביילקע איז אויסגעוואַקסן, געוואָרן, קיין איינעהאָרע, אַ מיידל צו לײַטן, און טעוויע טוט זיך זײַן געשעפט, ווי טאָמיד, מיטן פערד-און-וועגעלע פירט ער אָפּ דאָס ביסל מילכיקס זומער קיין בויבעריק, ווינטער קײַן יעהופּעץ, אַ מאַבל זאָל אויף דעם קומען, ווי אויף סדאָם! אָנקוקן

קען איך נישט אָט די דאָזיקע שטאָט, און נישט אַזוי די שטאָט אַליין, ווי די מענטשן, און נישט אַלע מענטשן, נאָר איין מענטש — פּראָים דעם שאַדכן! אָט וועט איר אומיסטנע הערן, וואָס אַ ייִד אַ שאַדכן טוט אָפּ.

ו י ה י ה י ו ם, קום איך צופאָרן איינמאָל אַרום באָצע עלול קיין יעהופּעץ מיט מײַן ביסל סכוירע. איך טו אַ קוק — ו י ב א ה מ ן — פּראָים דער שאַדכן גייט! פּראָים איז אַפילע אַ ייִד אַן אײַנגעגעסענער, נאָר אַז מע דערזעט אים, מוז מען זיך אָפּשטעלן — אָט אַזאַ מין קויעך האָט אין זיך אָט דער ייִד.. „הער נאָר, כאָכעם מײַנער, זאָג איך צו מײַן פערדל, שטיי אַ. ווײַלע, וועל איך דיר געבן עפּעס קײַען". און איך שטעל אָפּ פּראָים דעם שאַדכן און גיב אים אָפּ שאָלעם און מאַך מיט אים אַ שמועס מין האַצאַד: „וואָס הערט זיך עפּעס מיקויעך פּאַרנאָסע?" זאָגט ער: „איך האָב פּאַר אײַער מיזינקע אַ גלײַכס, אַ גליק, אַ הויפּט־טרעפער, אַ געוויר, אַן אַדיר, אַ מילאָנטשיק, אַ בראָצקי, אַ פּאָדראַטשיק איז ער און הייסן הייסט ער פּעדאָצער!" זאָג איך: „פּעדאָצער? אַ קענטלעכער נאָמען פון כומעש"... זאָגט ער: „וואָס מיר כומעש? ווער מיר כומעש? ער איז אַ פּאָדראַטשיק, אָט דער פּעדאָצער ער בויט הײַזער, מויערן, בריקן, געווען אין יאַפּאָניע בײַ דער מילכאָמע, געבראַכט אַ מאַטמען מיט גאָלד, פאָרט אַרויס מיט ברענענדיקע סוסים, מיט קאַרעטעס, מיט לאָקייען בײַ דער טיר, מיט אַ בעדל בײַ זיך אינעווייניק אין שטוב, מיט מעבל פון פּאַריז, מיט אַ בריליאַנטענעם רינג אויף דער האַנט, נאָך גאָר נישט קיין אַלטער מאַן, אַ באָכער, אַן עמעסער פּרימאַ! און זוכן זוכט ער אַ שיין מיידל, מעג זײַן ווער זי איז, אַ נאַקעטע, אַ באָרוועסע, אַבי אַ יעפּאַס־טויאַר!"... „טפּררוו! — זאָג איך צו אים. — אַז איר ווערט אַזוי פליִען, זאָג איך, אָן אַ פּאַפּאַס, וועלן מיר פּאַרפאָרן מיט אײַך, רעב פּראָים, קיין האָצעקלאָץ."

בעקיצער, לעמײַ זאָל איך אײַך לאַנג האַלטן? אָט דער פּעדאָצער איז געוואָרן אַ כאָסן פּאַר מײַן מיזינקע, ביילקע הייסט און — ס'האָט אַביסל געדויערט ביז מיר האָבן געשטעלט אַ כופּע. פּאַרוואָס זאָג איך, ס'האָט אַביסל געדויערט? ווײַל זי, ביילקע הייסט עס, האָט נישט געוואָלט דעם שידעך, אַזוי ווי מע וויל נישט שטאַרבן. איך האָב עס גאַנץ גוט אַרויסגעזען נאָך איר פּאָ-

נעם און נאָך אירע אויגן און נאָך איר וויינען, וואָס זי האָט געוויינט שטילערהייט. בין איך מיך מעיאַשעוו איינמאָל און רוף מיך אָן צו איר אַזוי, פֿאַרבײַגייענדיק: „הערסטו, ביילקע, זאָג איך, איך האָב מוירע, זאָג איך, אַז דײַן פֿעדאָצער איז דיר אַזוי ליב, זאָג איך, און אַזוי זיס, ווי מיר ?״!... ווערט זי רויט ווי פֿײַער און מאַכט צו מיר: „ווער האָט דאָס דיר געזאָגט ?״ זאָג איך: „וואָס־זשע דען איז דער געוויין גאַנצע נעכט ?״ זאָגט זי: „איך וויין דען ?״ זאָג איך: „ניין, דו וויינסט נישט, נאָר דו כליפּעסט. דו מיינסט, זאָג איך, אַז דו באַהאַלטסט דעם קאָפּ אין קישן, וועסטו פֿון מיר פֿאַרדעקן, זאָג איך, דײַנע טרערן ? דו מיינסט, זאָג איך, אַז דײַן טאַטע איז אַ ייִנגעלע, זאָג איך, אָדער דער מויעך איז אים אויסגעטריקנט געוואָרן און ער פֿאַרשטייט נישט, זאָג איך אַז דאָס טוסטו צוליב דײַן אַלטן טאַטן ? דו ווילסט אים, זאָג איך, פֿאַרזאָרגן מיט אַ גוטער עלטער, ער זאָל האָבן ווו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן, ער זאָל כאָלילע נישט דאַרפֿן גיין, זאָג איך, איבער די הײַזער ? און אויב דו מיינסט אַזוי, ביסטו, זאָג איך, אַ גרויסער נאַר, זאָג איך. מיר האָבן אַ גרויסן גאָט, זאָג איך, און טעוויע איז נישט פֿון די אַסאָרע באַטלאָנים, זאָג איך, וואָס וועט זיך אַוועקזעצן, זאָג איך, אויף לאַסקאַווע ברויט. און געלט, זאָג איך, איז בלאָטע, זאָג איך, ווי אין פּאָסעק שטייט. אַ סימען האָסטו, זאָג איך, אָט איז דײַן שוועסטער האָדל אַ גוטע עוויענטע, פֿונדעסטוועגן, זאָג איך, זע, וואָס זי שרײַבט פֿון אַלדע שוואַרצע יאָר, זאָג איך, פֿון עק וועלט, און ווי זי שעצט זיך גליקליך, זאָג איך, מיט איר שלימאַזל פּעפּערל !״... אַנו, זײַט אַ כאָכעם און טרעפֿט, וואָס ענטפֿערט זי מיר דערויף, ביילקע הייסט עס ? „צו האָדלען, זאָגט זי, זאָלסטו מיך, זאָגט זי, נישט גלײַכן. האָדל איז געווען, זאָגט זי, אין אַזאַ צײַט, ווען די גאַנצע וועלט, זאָגט זי, האָט זיך געוויגט, זאָגט זי, געהאַלטן אָט־אָט בײַ איבערקערן זיך, האָט מען זיך געזאָרגט, זאָגט זי, פֿאַר דער וועלט, און זיך האָט מען פֿאַרגעסן; און איצט, זאָגט זי, אַז די וועלט איז אַ וועלט, זאָגט זי, זאָרגט זיך יעדער פֿאַר זיך און די וועלט האָט מען פֿאַרגעסן״... אָט אַזוי ענטפֿערט זי מיר דערויף, ביילקע הייסט עס, און גייט פֿאַרשטיי ט, וואָס זי מיינט !

נו ? איר זענט עפּעס אַ מייוון אויף טעוויעס טעכטער ? איר

האָט זי באַדאַרפט זען צו דער כופּע — אַ פּרינצעסין! איך בין נאָר געשטאַנען און געשפּיגלט זיך אין איר און געטראַכט צו זיך אַליין: „אָט דאָס איז ביילקע, טעוויעס טאָכטער? ווי האָט זי זיך אויסגעלערנט אַזוי שטיין, און אַזוי גיין, און אַזוי האַלטן דעם קאָפּ, און אַזוי אָנטון זיך, ס'זאָל אויף איר זײַן ווי אויסגעגאָסן?"... נאָר לאַנג שפּיגלען זיך אין איר האָט מען מיך נישט געלאָזט, וואָרעם דעם זעלבן טאָג פון דער כופּע, אַרום האַלב זעקס פאַרנאַכט, האָט זיך דאָס פּאָרל אויפגעהויבן און ה ל ך מ ש ה מ ר ד כ י — מען איז אַוועק מיטן קוריער צו אַלדי גוטע יאָרי, קיין „נאַטאַליע", ווי די מאָדע איז בײַ די גרויסע, און צוריק איז מען געקומען ערשט העט אַרום כאַנוקע, און מען האָט געשיקט נאָך מיר, איך זאָל לעמאַנעשעם טייקעף-אומיאַד קומען צו פאָרן קיין יעהופּעץ. איז מיר דאָס באַלד אין קאָפּ אַרײַן: מאָנעפּשעך, זיי זאָלן וועלן, איך זאָל גלאַט אַזוי קומען, וואָלטן זיי אָנגעזאָגט, איך זאָל קומען — און אַ סאָף. צוואָס טויג נאָך דער „לעמאַנעשעם" מיטן „טייקעף-אומיאַד"? מיסטאָמע מוז דאָך דאָ זײַן עפּעס אַ זאַך! פרעגט זיך אַ קאַשע: וואָס פאַר אַ זאַך? און אַלערליי מאַכשאָוועס און געדאַנקען, גוטע און שלעכטע, קריכן מיר אין קאָפּ אַרײַן: עפּשער האָט זיך שוין דאָס פּאָרפאָלק דאָרטן צעזאַמפּערט ווי די קעץ און עס האַלט בײַ געטן זיך? און באַלד טאַקע שלאָג איך מיר אָפּ: ביסט אַ נאַר, טעוויע, לעמײַ זאָלסטו וועלן אויסלייגן אויף שלעכטן? פּונוואַנען ווייסטו, וואָס מען רופט דיך? עפּשער האָבן זיי זיך פאַרבענקט נאָך דיר און ווילן דיך זען? אָדער עפּשער וויל ביילקע, אַז איר טאַטע זאָל זײַן נאָענט לעבן איר? אָדער עפּשער וויל גאָר פעדאָצער דיר געבן אַ שטעלע, דיך צונעמען צו זײַנע געשעפטן און מאַכן דיך פאַר אַ מאַשגיִעך אויף זײַנע פּאָדראַדן? סײַ-ווי-סײַ, פאָרן דאַרף מען. און איך זעץ מיך אויף און — איך פאָר קיין יעהופּעץ.

מיילע, איך זאָל מיך גיין באַרימען, דערציילן אײַך — זײַן דירע מיט זײַן זיצעכץ, איז נישט שײַעך צו זאָגן. איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געהאַט די זכיִע צו זײַן בײַ בראָצקין אין שטוב, נאָר איך בין מיר מעשאַער אַל=פּי סייכל, אַז שענער ווי בײַ דעם פעדאָצער קאָן שוין גאָרנישט זײַן! איר קאָנט פאַרשטיין שוין פון דעם אַליין, וואָס פאַר אַ דירע=מעלוכע דאָס איז, אַז דער שווי=

מער וואָס בײַ דער טיר, אַ װערגעלעך מיט זילבערנע קנעפּ, האָט מיך בעשומויפן נישט געוואָלט אַרײַנלאָזן אינעווייניק, כאָטש גיב אים אַ קרענק. נאַט אײַך אַזאַ שלימאַזל! צו אַן אייגענער טאָכטער זאָל מען דאַרפן האָבן זכוסאָוועס! „אַז אָך און ווײ איז צו דײַן גרויען קאָפּ, טעוויע, צו וואָס דו האָסט זיך דערלעבט!" — אַזוי טראַכט איך מיר און קוק דורך דער גלעזערנער טיר און דערזע, עפּעס אַ מיידל דרייט זיך אַרום. „אַפּאָנעם, אַ פּאָקאָיאָווע זייערע", טראַכט איך מיר. טו איך צו איר אַ ווונק: „עפן אויף קעצעלע!" פאָלגט זי מיך און עפנט די טיר. אַרײַנגעלאָזט און אַרײַנגעפירט מיך אינעווייניק אין אַ מין פּאַלאַץ, וואָס מײַנע אָוועס אַוויסיינו האָבן עס נישט געזען אין כאָלעם אַפילע. זײַד און סאַמעט און גאָלד און קרישטאָל, און אַז איר גייט, פילט איר נישט די טריט, מאַכמעס איר שפּאַנט מיט אײַערע זינדיקע פיס אויף די טײַערסטע דיוואַנעס, ווייך ווי שניי. הײַנט זייגערס, זייגערס! אויף די ווענט זייגערס, אויף די טישן זייגערס, אָן אַ שיִער זייגערס! „ריבוינע יוינע! האָסט אַ סאַך אַזוינע? צו וואָס דאַרף עס אַ מענטש אַזויפיל זייגערס?" אַזוי טראַכט איך מיר און גיי מיר, די הענט פאַרלייגט אַרונטער, אַ ביסל ווײַטער; איך טו אַ קוק — עטלעכע טעוויעס מיטאַמאָל שנײַדן זיך אַקעגן מיר פון אַלע זײַטן. איין טעוויע גייט אַהער, דער אַנדערער טעוויע אַהין, איינער צו מיר, דער אַנדערער פון מיר — טפו זאָלסטו ווערן! פון אַלע פיר זײַטן שפּיגלען! נאָר אַזאַ מין פויגל, ווי אָט דער פּאָדראַטשיק, קאָן זיך פאַרגינען אַזויפיל זייגערס מיט אַזוי פיל שפּיגלען!...

האַקיצער, לאָמיר אַוועקוואַרפן, ווי זאָגט איר דאָרטן אין אײַערע ביכלעך, דעם בען־מעלעך און זיך נעמען צו דער באַסמאַלקע. האָב איך זיי, הייסט דאָס, צוליב געטון און בין צו זיי געקומען קיין יעהופּעץ, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ כאַסענע: שאָלעם־אַלייכעם! אַלייכעם־שאָלעם! ווי גייט עס? וואָס מאַכט איר גוטס? זיצט! אַ דאַנק, מע קאָן באַשטיין! — מיט די אַלע איבעריקע צערעמאָניעס, ווי געווייינטלעך. דערווײַל קומט צו אַ פּאַרשוין מיט גרויסע ווײַסע הענטשקעס און זאָגט, אַז דער אָנבײַסן שטייט שוין אויפן טיש, און מיר הייבן זיך אויף אַלע דרײַ און מיר קומען אַרײַן אין אַ כיידער פון גאָלע דעמב: דער טיש

אַ דעמבענער, די בענקלעך דעמבענע, די ווענט פון דעמב, די סטעליע דעמב און אַלץ איז געשניצט און געפאַרבט און געמאָלט און געצאַצקעט, און אויפן טיש — בגדי מלכות: טיי מיט קאַווע און מיט שאָקעלאַדע, און מיט פוטער־געבעקס, און מיט גוטן קאָניאַק, און די בעסטע געזאַלצנס, און אַזעלכע מינים מאַכאָלים, פיירעס און אויבסן, ס'איז מיר אַ כאַרפּע אויסצוזאָגן, נאָר איך האָב מוירע, אַז מײַן ביילקע האָט זיי בײַ איר טאַטנס טיש קיינמאָל נישט געזען אַפילע. און מע גיסט מיר אָן אַ קויסע און נאָך אַ קויסע, און איך טרינק לעכאַים, און איך קוק אויף איר, אויף ביילקען הייסט עס, זי זאָל עס אויסרעדן אַפילע אַ וואָרט! זעט איר, ער, פעדאָצער הייסט עס, רעדט שוין פאַר זיי ביידן, דאָס מויל מאַכט זיך אים נישט צו! זינט איך לעב האָב איך נישט געזען, אַ מענטש זאָל אַזוי ליב האָבן פלאַפּלען און פלוידערן, דער שוואַרציאָר ווייסט וואָס, און בעשאָס מײַסע לאַכן דריבניטשקע מיט אַ קליין געלעכטערל. דאָס ווערט אָנגערופן, בײַ אונדז: אַליין געזאָגט אַ כאָכמע, אַליין געלאַכט... און אַלץ עפּעס אַזעלכע פּוסטע זאַכן, וואָס קריכן מיר נישט אין דער ליבקער פּייע: פּאָדראַד, גובערנסקע פּראַוולעניע, קאַזנאַטשייסטווע, יאַפּאָניע...

בעקיצער, האָבן מיר, הייסט עס, גאַנץ פײַן אויסגעטרונקען און פאַרביסן, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן, און אַז מען איז אויפגעשטאַנען פונעם טיש, נעמט ער מיך, פעדאָצער הייסט עס, אונטער דער האַנט און פירט מיך אַרײַן אין אַ באַזונדער קאַבינעט אַרײַן, אויסגעפּוצט כיד המלך—מיט ביקסן און מיט שפּיזן אויף די ווענט און מיט האַרמאַטן אויפן טיש, און זעצט מיך אַוועק אין אַ מין דיוואַן, ווייך ווי פוטער, און נעמט אַרויס פון אַ גאָלדענער פּושקע צוויי גרויסע גראָבע שמעקענדיקע ציגאַרן און פאַררויכערט, איינע זיך, די אַנדערע מיר, און זעצט זיך אַוועק אַקעגן מיר, ציט אויס די פיס און מאַכט צו מיר אַזוי: „ווייסט איר, וואָס איך האָב געשיקט נאָך אײַך?” „אַהאַ! — קלער איך מיר. — אָט דאָס וויל ער מיסטאָמע אַ שמועס טון מיקויעך אַכצן און דרײַצן”. נאָר איך מאַך מיך טאַמעוואַטע און רוף מיך אָן צו אים אַזוי: „פונוואַנען זאָל איך וויסן?” מאַכט ער צו מיר: „איך האָב געוואָלט רעדן מיט אײַך טאַקע וועגן אײַך אַליין”. „אַ סלוזשבע”, טראַכט

איך מיר אױן טו אַ מאַך צו אים: „אַבי נאָר עפּעס גוטס, מײַכעטײַסע, לאָמיר האָרכן". נעמט ער אַרױס דעם ציגײַער פֿון די צײן־פּעדאָצער הײסט עס, און הײבט מיר אָן מיט אַ גאַנצער דראָשע: „איר זענט, זאָגט ער, אַ ייִד נישט קײן נאַר און װעט קײן פּאַריבל נישט האָבן, װאָס איך װעל מיט אײַך רעדן אָפֿנטלעך. איר דאַרפֿט װיסן, זאָגט ער, אַז איך פֿיר גרױסע געשעפֿטן, און אַז צו מײַנע געשעפֿטן מיט מײַן נאָמען, זאָגט ער, מיט מײַן פּאָלאָזשעניע פּאַסט מיר נישט, זאָגט ער, אָט דאָס, װאָס מע רופֿט אײַך, זאָגט ער, טעװיע דער מילכיקער. איר דאַרפֿט װיסן, זאָגט ער, אַז איך בין באַקאַנט ליטשנע מיטן גובערנאַטאָר, זאָגט ער, און צו מיר אין שטוב אַרײַן, זאָגט ער, קאָן אַמאָל קומען אַ בראָצקי, אַ פּאָליאַקאָװ, און עפּשער אַ ראָטשילד אױך". אַזױ מאַכט ער צו מיר, פּעדאָצער הײסט עס, און איך זיץ און קוק אױף זײַן גלאַנציקער ליסינע און טראַכט מיר: „עס קאָן זײער זײַן, אַז דו קאָנסט זיך ליטשנע מיטן גובערנאַטאָר און אַז ראָטשילד זאָל אַמאָל קומען צו דיר אין שטוב אַרײַן, נאָר רעדן רעדסטו, װי אַ קעלעװ שעביקלאָװים".

„איך האָב געװאָלט, זאָגט ער, אַז איר זאָלט אַװעקװאַרפֿן, זאָגט ער, אָט דאָס מילכיקס, און זאָלט זיך פֿאַרנעמען, זאָגט ער, מיט עפּעס אַנדערש". „דעהײַנע, זאָג איך, מיט װאָס?" „מיט װאָס איר װילט, זאָגט ער, װײניק געשעפֿטן, זאָגט ער, פֿאַראַן אױף דער װעלט? איך װעל אײַך, זאָגט ער, אונטערהעלפֿן מיט געלט, װיפֿל מע װעט באַדאַרפֿן, אַבי, זאָגט ער, איר זאָלט װערן אױס טעװיע דער מילכיקער. אָדער שאַט, זאָגט ער, װײסט איר װאָס? טאָמער װאָלט איר, זאָגט ער, גאָר אײנס־צװײ־דרײַ אַװעקגעפֿאָרן קײן אַמעריקע? האַ?" אַזױ מאַכט ער צו מיר, רוקט אַרײַן דעם ציגײַער אין די צײן אַרײַן און קוקט מיר גלײַך אין די אױגן אַרײַן, און די ליסינע גלאַנצט... נו? װאָס ענטפֿערט מען אַזאַ גראָבן יונג? טכילעס האָב איך מיר געטראַכט: „װאָס זיצסטו, טעװיע, װי אַ לײמענער גולעם? הײב דיך אױף, טו אַ קוש די מעזוזע, גיב אַ קלאַפּ מיט דער טיר און פּאַשאָל אָן אַ זײַ־געזונט!"... אַזױ שטאַרק האָט דאָס מיך אַ נעם געטון בײַ דער לעבער!... „אָן אַזעס פֿון אַ פּאָדראַטשיק! װאָס הײסט, דו הײסט מיך אַװעקװאַרפֿן אַן ערלעכע בעקאָװעדיקע פּאַרנאָסע

און פֿאָרן קיין אַמעריקע? באַשער טאָמער וועט צו דיר אַמאָל קומען ראָטשילד, בעכיין דאַרף טעוויע דער מילכיקער לוימן אין דער וועלט אַרײַן?! און דאָס האַרץ קאָכט אין מיר ווי אַ קעסעל.

„וואַרט אויס, פּאָדראַטשיק מײַנער, אָט וועל איך דיר באַלד אַרײַנהאַקן אַ פּאָסעק, וועט דיר ווערן פֿינצטער אין די אויגן!”... אַזוי טראַכט איך מיר און רוף מיך אָן צו אים בעזע האַלאָשן: „מײַלע, זאָג איך, וואָס די געמאָרע איז פֿאַר אײַך אַ סאָד. בין איך, זאָג איך, אײַך מויכל; אַז אַ ייִד זיצט אין יעהופּעץ און הייסט פּעדאָצער און איז אַ פּאָדראַטשיק, מעגן זאָג איך, די געמאָרע ליגן אויפֿן בוידעם. אָבער אַ פּשאָסטפּאָסעק, זאָג איך, דאָס וועט דאָך שוין פֿאַרשטיין, זאָג איך, אַ גוי אין פּאָסטעלעס אויך. איר ווייסט דאָך, זאָג איך, וואָס דער טאַרגום אונקעלעס זאָגט אויף לאָון האַראַמי: מ ז נ ב ת א ד ח ז י ר ת א ל א מ אַ כ אַ נ ת ש ט ר ײַ מ י ל ת א”..? קוקט ער אויף מיר, ווי אַ האָן אין בני־אָדאָם, און מאַכט צו מיר: „וואָס־זשע הייסט עס?” „דאָס הייסט, זאָג איך, אַז פֿון אַ כאַזערישן עק קאָן מען קיין שטרײַמל נישט מאַכן”. „אַקעגן וואָס, זאָגט ער, זאָגט איר דאָס?” „אַקעגן דעם, זאָג איך. וואָס איר הייסט מיך פֿאָרן קיין אַמעריקע”. צעלאַכט ער זיך דריבניטשקע און מאַכט צו מיר: „אַמעריקע נישט, איז עפּשער קיין ערעץ־ייִסראָעל? אַלע אַלטע ייִדן פֿאָרן קיין ערעץ־ייִסראָעל”... אַזוי ווי ער האָט דאָס מיר אויסגערעדט, אַזוי איז דאָס מיר אַרײַן ווי אַן אײַזערנער טשוואָק אין מויעך אַרײַן: „שאַ! עפּשער איז דאָס גאָרנישט אַזוי קרום, טעוויע, ווי דו מיינסט? עפּשער איז דאָס טאַקע אַ פּלאַן? וואָרעם איידער האָבן אַזאַ נאַכעס פֿון קינדער, ווי דו האָסט, איז שוין עפּשער גלײַכער ערעץ־ייִסראָעל?” שלאָגט ער מיר איבער, פּעדאָצער הייסט עס, מײַנע ראַיוינעס סאַמע אין מיטן און רופֿט זיך אָן צו מיר: נו?” וואָס דאַרף מען דאָ, זאָגט ער, אַזוי לאַנג טראַכטן? איינס־צוויי־דרײַ”... „בײַ אײַך, זאָג איך, איז, באָרעכאַשעם, אַלצדינג איינס־צוויי־דרײַ, ווי די געמאָרע זאָגט, זאָג איך: ה אָ ג ב ר אָ ו ה אָ ט ר אַ ס ק אָ... און בײַ מיר, זאָג איך, איז דאָס אַ האַרב שטיקל מישנײַעס, וואָרעם אויפֿהייבן זיך, זאָג איך, און פֿאָרן קיין ערעץ־ייִסראָעל, דאַרף מען, זאָג איך, האָבן מיט וואָס”...

צעלאַכט ער זיך דריבניטשקע מיט זײַן קליין געלעכטערל, שטייט אויף, גייט צו צום טיש, עפנט אויף אַ טיש-קעסטל און נעמט אַרויס פון דאָרטן אַ טײַטשער און ציילט מיר אָפּ אַ ח ת ו א ח ת לאָז זיך אײַך דאַכטן, אַ שיינע מאַטבייע, און איך בין דאַפּקע נישט פויל אויף דער פּען און נעם צונויף דאָס ביסל פּאַפּיר — דער קויעך! פון געלט — און לאָז עס אַראָפּ העט-ווײַט אין קעשענע, און וויל אים זאָגן כאָטש אַ פּאָר פּסוקים מיט אַ מעדרעש, וואָס זאָל פאַרענטפערן אַרום און אַרום, הערט ער מיך ווי דעם קאָטער און מאַכט צו מיר: „אָט דאָס וועט אײַך זײַן, זאָגט ער, געגוג ביז אַהין איבערן קאָפּ, און אַז איר וועט קומען זאָגט ער, אויפן אָרט און וועט דאַרפן געלט, זאָלט איר שרײַבן, זאָגט ער, אַ בריוו, וועט מען אײַך איינס-צוויי-דרײַ באַלד אַרויסשיקן געלט. און דערמאָנען אײַך נאָכאַמאָל וועגן פאָרן, זאָגט ער, פאַרשפּאָרט מען דאָך, וואָרעם איר זענט דאָך, זאָגט ער, עפּעס אַ ייִד מיט יוישער און מיט סאָוועסט“... אָט אַזוי מאַכט ער צו מיר, פעדאָצער הייסט עס, און צעלאַכט זיך דריבניטשקע מיט זײַן קליין געלעכטערל, וואָס קריכט גלײַך אין די קישקעס אַרײַן. און עס פליט מיר דורך אַ מאַכאַשוועע אין קאָפּ: „טאָמער וואָלסטו אים אַ שמיץ געטון דאָס געלט צוריק אין פּאָנעם אַרײַן און אים דערציילט דעם פּאָסעק, אַז טעוויען קויפט מען נישט פאַר געלט און מיט טעוויען שמועסט מען נישט פון יוישער און פון סאָוועסט?“... נאָר איידער איך עפן אַ מויל אויף צו רעדן, טוט ער אַ קלונג און רופט אַרײַן ביילקען און מאַכט צו איר: „דושענקע, דו ווייסט? דײַן פאָטער וואַרפט דאָך אונדז אַוועק, ער פאַרקויפט אויס אַלץ וואָס ער האָט, און פאָרט אַרויס איינס-צוויי-דרײַ קיין ערעץ-ייִסראָעל“... „וואָס ס'האָט זיך מיר געכאָלעמט יענע נאַכט און הײַנטיקע נאַכט!“... אַזוי טראַכט איך מיר און קוק אויף מײַן ביילקען — איר זאָלט זאָגן, זי זאָל זיך עס אַפילע פאַרקרימען. שטייט ווי אַ בוים, קיין טראָפּן בלוט אין פּאָנעם, קוקט פון אים אויף מיר, פון מיר אויף אים, און קיין איינציק וואָרט! איך, אויף איר קוקנדיק, שווײַג אויך. שווײַגן מיר, הייסט עס, אַלעביידע, עס האָט אונדז אָפּגענומען דאָס לאָשן. דער קאָפּ דרייט זיך מיר, די שלייפן קלאַפּן מיר, ווי פון אַ טשאַד. „און אַז איר וועט זײַן, זאָגט ער, פּאַרטיק צו דער נעסיִע, זאָלט איר

אונדז, זאָגט ער. געבן צו וויסן, וועלן מיר אַרויספֿאָרן, זאָגט ער, ביידע צום וואָקזאַל מיט אײַך זיך אָפּגעזעגענען, וואָרעם ווען קאָנען מיר זיך שוין זען?״ אַזוי לאָזט ער אויס. איך בעט איבער אײַער קאָוועד, מיט אַ גרויסן געגעץ, שטייט אויף און רופּט זיך אָן צו איר, צו ביילקען הייסט עס: „דושענקע, וועסט, זאָגט ער, זיצן דאָ אַ ביסל, און איך וועל, זאָגט ער, גיין זיך צולייגן אַ ווײַלע״. „האָסט נאָך קיינמאָל אַזאַ גלײַכס נישט געזאָגט, ווי איך בין אַ ייִד! אַצינד וועל איך כאָטש האָבן צו וועמען מײַן ביטער האַרץ אויסצולאָזן״. אַזוי טראַכט איך מיר און וויל מיך געבן אַ נעם צו מײַן ביילקען, איר אויסליימערן אַלצדינג, וואָס האָט זיך צונויפֿגעזאַמלט בײַ מיר פֿאַר דעם גאַנצן פֿרימאָרגן, — ערשט אַז זי טוט אַ פֿאַל צו מיר אויפֿן האַלדז, ביילקע הייסט עס, און הייבט אָן צו וויינען, אָבער ווי אַזוי, מיינט איר, וויינען? מײַנע טעכטער, נישט געדאַכט זאָלן זיי ווערן, האָבן אַלע אַזאַ טעווע: פֿריִער מענטשלען זיי זיך און בעריען זיך און קומט צו עפּעס — וויינט מען, ווי אַ בערעזענע.

ביילקע מיט אירע טרערן האָבן מיך אַזוי פֿאַרקלעמט בײַ דער נעשאָמע, אַז איך האָב מיך נישט געקענט אײַנהאַלטן, און איך האָב שוין נישט געהאַט דאָס האַרץ אַפֿילע, איך זאָל איר זאָגן אַ קרום וואָרט. און אָנשטאָט דעם, וואָס איך זאָל זי מעכאַבעד זײַן, ווי זי איז ווערט, און אויסגיסן קאָל כאַמאָסי אויף איר פֿעדאָצערן, האָב איך גאָר גענומען אויסרעדן איר דאָס האַרץ מיט אַזאַ מאָשל און מיט אַזאַ מאָשל, ווי טעוויע קאָן. הערט זי מיך אויס, ביילקע הייסט עס, און מאַכט צו מיר: „ניין, טאַטע, נישט דאָס, זאָגט זי, וויין איך. איך האָב צו קיינעם, זאָגט זי, קיין טײַנעס נישט. נאָר אָט דאָס, זאָגט זי, וואָס דו פֿאָרסט אַוועק, זאָגט זי, איבער מיר און איך קאָן, זאָגט זי, דערצו גאָרנישט העלפֿן, אָט דאָס, זאָגט זי, בראָט מיך״.

און זי נעמט און זי לייגט מיר אַוועק אַ מײַנע־לאָשן, אַ גאַנצע מעגילע, אָדער אַ מײַסע פֿון טויזנט און איין נאַכט, ווי אַזוי אָט דער פֿעדאָצער אירער איז פֿון קליין גרויס געוואָרן, זיך אַליין מיט זײַן אייגענעם סייכל אַרויפֿגעשלאָגן אויף דער העכסטער מאַדרייגע, און איצט וויל ער דערגרייכן דערצו, אַז צו אים אין שטוב אַרײַן זאָל קומען בראָצקי, שיט ער מיט נעדאָוועס,

וואַרפט מיט טויזנטער. נאָר אַזוי ווי געלט אַליין איז נאָך ווייַציק, מע דאַרף נאָך האָבן ייִכעס אויך, לייגט ער אייַן די וועלט, פּעדאָצער הייסט עס, צו באַווייַזן, אַז ער איז נישט אַבי ווער, באַרימט זיך, אַז ער שטאַמט פון די גרויסע פּעדאָצערס, אַז זייַן טאַטע איז אויך געווען אַ באַרימטער פּאַדראַטשיק. — „כאָטש, זאָגט זי, ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך ווייס, אַז ער איז געווען אַ קלעזמער. הייַנט, זאָגט זי, דערציילט ער אַלעמען, אַז זייַן ווייַבס טאַטע איז געווען אַ מיליאָנשטשיק... און מען מוז דאָס, זאָגט זי, אַלצדינג אויסהערן און מאַכן אַ שווייַג, וואָרעם, ער איז, זאָגט זי, אויף די זאַכן אַ גרויסער קאַפּריזניק". „בייַ דיר, זאָג איך, הייסט דאָס אַ קאַפּריזניק, און בייַ אונדז, זאָג איך, ווערט דאָס אָנגערופן פּשוטע אַ ניכפּעניק, זאָג איך". „ניין, זאָגט זי, טאַטע, דו קענסט אים נישט, ער איז גאָרנישט אַזאַ שלעכטער, ווי דו מייַנסט; ער איז נאָר אַ מענטש, וואָס אַ מינוט איז ער אַזוי און אַ מינוט איז ער אַנדערש. ער האָט, זאָגט זי, אַ גוט האַרץ און אַ ברייטע האַנט. איז, אַז מע מאַכט, זאָגט זי, אַ קרום פּנים, און אַבי מע טרעפט די גוטע מינוט, וועט ער אָוועקגעבן די נשמה, און ווער שמועסט, זאָגט זי, פון מייַנעטוועגן — איז דאָס טעלערל פונעם הימל! נאָר וואָס קומט מיר אַרויס, זאָגט זי, אַז איך בין נישט איך?"... „דייַן שוועסטער האָדל, זאָג איך, וואָלט נישט אַזוי געטון"... שלאָגט זי מיר איבער, בייַלקע הייסט עס, און מאַכט צו מיר אַזוי: „איך האָב דאָך דיר געזאָגט זי, אַז צו האָדלען זאָלסטו מיך, טאַטע, נישט גלייַכן. האָדל האָט געלעבט, זאָגט זי, אין האָדלס צייַטן. און בייַלקע, זאָגט זי, לעבט אין בייַלקעס צייַטן... פון האָדלס צייַטן, זאָגט זי, ביז בייַלקעס צייַטן איז אַזוי ווייַט, זאָגט זי, ווי פונדאַנען קיין יאַפּאַניע"... איר פאַרשטייט דעם פּירעש־האַמילעס פון אַזאַ מין טאַרגום־לאָשן?

בקיצער, אָנגעגעסן זיך זאַט מיט צאָרעס און יעסורים פון מייַן גליקלעכער מיזינקע, בין איך אַרויסגעגאַנגען פון דאָרט אַ צעבראָכענער, אַ צעבראָקלטער, און האָב געגעבן אַ שלייַדער אין דער ערד אַרייַן דעם ציגייַער, וואָס האָט מיר פאַרטשאַדעט מייַן קאָפּ, און רוף מיך אָן צו אים, צום ציגייַער הייסט עס: „גיין זאָלסטו קאַפּ־האַקעלאַ, אַ רוען אין דייַן טאַטנס ערד

אַרײַן !". געקומען צופֿאָרן אַהײם, האָב איך גענומען אויסמאַר־קויפֿן מײַן באַלעבאַטישקייט פֿון אַזוי פֿיל יאָרן. מאָלט אײַך, נישט אַזוי גיך טוט זיך עס, ווי ס'רעדט זיך. איטלעכס טעפּל מיט איטלעכס באַרישקייט האָט בײַ מיר צוגענומען אַ שטיק געזונט. די זאַך האָט מיר דערמאָנט גאָלדען אָלעװ-האַשאָלעם, יענע זאַך האָט מיר דערמאָנט די קינדער, זיי צו לענגערע יאָר. נאָר קיין זאַך האָט מיר נישט דערלאַנגט אַזוי טיף, ווי דאָס פֿערדל מײַנס. אַקעגן מײַן פֿערדל האָב איך מיך געפֿילט עפּעס כאַיעוו... סטײַטש, אָפּגעהאָרעוועט מיט דעם אַזויפֿיל יאָרן, אײנײ־נעם געבידעוועט, אײנײנעם פֿאַרשוואַרצט געוואָרן, און פּלוצלונג גענומען און פֿאַרקויפֿט! פֿאַרקויפֿן האָב איך דאָס פֿאַרקויפֿט צו אַ וואַסערפֿירער. בעשאַס איך האָב צוגעקלאַפּט דעם וואַסער־פֿירער און געזאָגט צו אים: „מיט מאַזל־בראָכע", האָט מײַן סוס פּלוצלונג אויסגעדרייט צו מיר די כײנעוודיקע מאָרדע און קוקט אויף מיר מיט שטומע אויגן, ווי אײנער רעדט: „אָט אַזוי דאַנקסטו מיר אָפּ פֿאַר מײַן סלוזשבע?"... איך כאַפּ אַ קוק אויף מײַן פֿערדל דאָס לעצטע מאָל, ווי דער וואַסערפֿירער האָט דאָס גענומען אין די הענט אַרײַן לערנען מיט דעם באָלעק, און איך בלײַב נאָכדעם שטיין אײנער אַליין און טראַכט מיר: „ריבוינע שעל אוילעם! ווי סײַכלדיק דו פֿירסט דײַן וועלטל! אָט האָסטו באַשאַפֿן אַ טעוויען און האָסט באַשאַפֿן, לעהאַוודל, אַ פֿערד, און בײדע האָבן זיי אײן מאַזל אויף דער וועלט... נישטמער, אַ מענטש האָט אַ מויל און קאָן זיך כאָטש אויסטײַנען, אויסרעדן דאָס האַרץ, און אַ פֿערד, לעהאַוודל, וואָס? מישטײנסגעזאָגט, אַשטומע צונג. — — — — — —

איר קוקט אויף מיר, פּאַניע שאָלעם־אַלײכעם, וואָס ס'האָבן זיך מיר נעשטעלט טרערן אין די אויגן, און איר טראַכט זיך אַוואַדע: „אָט דער טעוויע האָט זיך פֿאַרבענקט, אַפּאָנעם, נאָך זײַן פֿערדל?" וואָס עפּעס נאָכן פֿערדל, מענטש אײנער? אַלצ־דינג טוט מיר באַנגי, און נאָך אַלעמען וועל איך בענקען... זײַט מיר געזונט און פֿאָרט געזונט און לאָזט גריסן איטלעכן באַזונ־דער גאָר פֿרײַנדלעך.

געשריבן אין יאָר 1909.